STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01972

A TFILE IN DER NAKHT

Miriam Knaphais

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מרים קנאַפּהייס

☆

אַ תפילה אין דער נאַכט

געווידמעט
מיינע קינדער
ברוך, מירע און סיגאַל

MIRIAM KNAPHAIS

A TFILE IN DER NACHT

מרים קנאַפּהייס / אַ תפילה אין דער נאַכט

J. L. Peretz Publishing House
31. Allenby St., Tel-Aviv, Israel

Printed in Israel 1979

©

נדפס בישראל תשל"ט

דפוס „אור" בע"מ, תל־אביב, שד' הר־ציון 104, טל. 822481

מרים
קנאַפּהייַס

אַ תּפילה אין דער נאַכט

לידער

פאַרלאַג
י.ל. פּרץ
ישראל

תל־אביב, תשל״ט — 1979

מיין זון

מוטער־„סאַלוט“ צו איר זון

ס׳האָבן טעג זיך געזאַמלט פּאַמעלעך אין יאָרן,
און מיט זיי זיך געכּפלט מײַן בלענדיקע פרייד,
ווײַל פון טאָג וואָס מײַן קינד איז געבאָרן געוואָרן
האָט גליק מיך אַפילו אין לײדן באַגלייט.

מײַן „זײַן“ האָט באַקומען אַ צוועק און אַ סיבה,
כ׳בין געריייניקט, געכּשרט געוואָרן פון זינד,
ווײַל וואָס איז דען כּשרער, רייִנער פון ליבע
וואָס בינדט און פאַראייניקט — מאַמע און קינד?

ווען וועלט איז געווען אַ בית-עולם צעשטערטער,
אין וויסטער, פינצטערער וואָגלעניש-צײַט,
פלעג דערוואַרעמען ס׳האַרץ דער קלאַנג דער באַגערטער
פון קינדערש געלעכטער, פון אים, מײַן פאַרבייט.

פון דורות וואָס האָבן מיט עטיק און וויסן
געלויכטן אין וועג, איז אַ יורש מײַן קינד,
פון חכמה וואָס איז געפּאָרט מיט געוויסן,
ירושה וואָס אָפּגעהיט איז ביז אַצינד.

געהאָלפן האָט אים די נאַטור זיך צעבליִען,
און איך האָב געפּאָלגט פון מײַן האַרצן די שטים
און באַמיט זיך אַ ייִד און אַ מענטש צו דערציִען,
פלאַנצן דאָס בעסטע, רייִנסטע אין אים.

כ'האָב די נסים באַוווּנדערט אין משך פון יאָרן,
די טריט פון מײַן קינד נאָכגעפאָלגט אין זײַן שפּאַן,
דאָס קינד מיט דער צײַט איז אַ יינגל געוואָרן
ווי אַ בוים זיך צעבליט, זיך געשטאַלטיקט — אַ „מאַן".

דער מאַן איז מײַן שטאָלץ, מײַן דענקמאָל בײַם לעבן,
מײַן וויכטיקער צוטראָג צום מענטשן־מין,
כ'האָב פון לעבן גענומען און לעבן געגעבן,
דורך דעם האָט מײַן „זײַן" באַקומען אַ זין.

איצט אין דעם שפּעטן פאַרנאַכט פון מײַן לעבן,
ווען פאַרשן איך טו דעם פאַרויס און צוריק,
די יאָרן צעזייטע און וואָס ז'מיר נאָך געגעבן,
בענטש איך דיך זון, און דאַנק פאַרן גליק!

צו מיַין קינד

עפּן ברייט מיַין קינד, די אויגן,
זיי געהיט אויף דיַינע וועגן,
זאָל דיין רוקן זיך ניט בויגן
ווען געפאַר דיר קומט אַנטקעגן.

נעם דיך אָן מיט מוט און גלויבן
ווען וועסט אויפוויקלען די שליאַכן;
זיכער שפּאַן, אָן שרעק, וויַיל אויבן
טוט דיך אַ גוט אויג באַוואַכן.

מוט און גלויבן זיַינען קרעפטן
וואָס צעקרישלען קענען איַיזן;
גלויבן ט'דיך מיט גליק באַהעפטן,
מוט — אַ גבורה זאָלסט באַווייַזן.

דאָס אין וועג זאָל זיַין דיַין וואָפן,
מעג זיַין נעפּל אויף די וועגן,
וועסט געפונען גליק, כ'וויל האָפן —
זאָלסט נאָר זוכן עס דערוועגן!

זוך ניט קיין שיינקייט

זוך ניט קיין שיינקייט אויף קאָסטבאַרע וועגן.
די שיינקייט קומט אָפּט ניט דאָרט דיר אַנטקעגן,
אַ מאָל גראָד אין אַ פאַרוואָרפענעם ווינקל
טוט מיט איר גאָרן חן זי אַ פינקל.

זוך ניט קיין ליכט אין אַ לעבן אָן זאָרגן,
ווײַל גראָד ניט דאָרט איז עס אָפּט מאָל פאַרבאָרגן,
אָפּט צווישן קינסטלעכע ליכטער, לאָמטערן
אַ פינצטערער שאָטן זיך לייגט אויפן שטערן.

זוך ניט קיין פרייד אין רעש און צעשפּילטקייט —
אָפּט מאָל געפונט זי זיך גראָד אין דער שטילקייט,
אין שמייכל אָן ווערטער, אין זאָרגפולע אויגן
פון מוטער וואָס זיצט בײַ דעם וויגל געבויגן.

זוך ניט קיין פרייד אין רעש און צעשפּילטקייט —
געוויין איז אָפּט נאָר פאַרן מענטשלעכן אויער,
עס זײַנען ניט ווייניק טרויער און זאָרגן
אָפּט אין צעשמייכלטע ליפּן פאַרבאָרגן,

אין ליפּן פאַרקלעמטע, אין שמייכל אָן ווערטער,
אין קלאָרן פרימאָרגן, אין פאַרוואָרפענע ערטער,
אין ווירקלעכקייט גראָער, אין טונקעלן ווינקל
טוט אומגעריכט אָפּט די שיינקייט אַ פינקל.

אויפן פליפעלד

דער שטאָלענער פויגל מיט מענטשן באַלאָדן
צעהוידעט זיך, טוט אין דער לופטן אַ טויך,
ער טוט זיך אַנטשלאָגן אַ ריַיס אָפּ פון באָדן
און מיט אַ ברום שוועבט אַוועק אין דער הויך.

מענטשנס באַשאַף, געבאָרן פון טרוימען,
געשווינדער פון וויכער, פון פענטעס באַפריַיט,
שניַידט ער אַ וועג זיך דורך אין די רוימען
שטאָלץ, מאַיעסטעטיש — יאָגט איבער די ציַיט.

ער שניַידט זיך אַריַין אין אויבערשטע שיכטן,
עס בליַיבט בלויז אַ פלעק אויפן הימלישן וועג,
און פלוצעם פאַרשווינדט ער אין בלוי דעם געדיכטן,
פאַרשווינדט מיט מיַין קינד, מיַין אײנציק פאַרמעג.

איך שטיי אַ פאַרגאַפטע, פון אומרו געפאַנגען,
איך קוק נאָך דעם פויגל וואָס וויַיט ער פאַרשווינדט,
און כ'הער מיך איַין אין די דערוויַיטערטע קלאַנגען
וואָס זיי אין די רוימען נאָך הוידעט דער ווינט.

איך שיק נאָך מיַין קינד אין די הויכן צעפּראַלטע
די ברכה וואָס בליט אין מיַין האַרץ און געדאַנק,
מאַמישע ווערטער מיט ליבע באַשטראַלטע,
אַ צערטלעכן פליסטער — פון זיַין נאָמען דעם קלאַנג.

איך באַריר אין געדאַנק זײַנע אויגן, זײַן שטערן,
ס׳האַמערט מײַן האַרץ מיט אַ שטומען געבעט,
מײַן האַרץ קרײַזט אַרום מיט מײַן קינד אין די ספערן,
באַגלייט אים דורך לענדער און צאָלרײַכע שטעט.

איך בעטל פאַרזאָרגט בײַ גאָט אונדזער היטער,
קיין שלעכטס ניט געשען זאָל דעם פויגל אין וועג,
ער באַשיצן מײַן קינד זאָל אין בליצן-געוויטער,
אים ברענגען בשלום — מײַן פרעכטיק פאַרמעג!...

צו די שמוץ־פֿאַרשפּרייטער

אַ בנין געבויט כ׳האָב מיט אייגענע הענט,
אים געשענקט מײַן נשמה, מײַן רײַכע,
מיט פֿרייד כ׳האָב געקוקט ווי עס וואַקסן די ווענט
פֿעסטע, מלכותדיק־גלײַכע.

כ׳האָב ציגל צו ציגל מיט פֿאַרזיכט געקלעפּט,
מיט ליבע געפֿעסטיקט צוזאַמען,
איך האָב אין מײַן הארץ דעם כּוח געשעפּט
אים באַשיצן פֿון שטורעם און פֿלאַמען.

יעדעס מאָל ווען עס איז אַ שטורעם פֿאַרבײַ,
געפֿאַרן געבראַכט פֿון די ווײַטן,
אומדערשיטערט געבליבן איז שטיין דאָס געבײַ
ווי אַ פֿעסטונג פֿון אוראַלטע צײַטן.

ניט איין מאָל באַלאַגערט המון האָט מײַן שוועל,
מיט בייזווילִיקע צינגען, געשרייען,
געדראָט פֿון מײַן בנין פֿאַרניכטן זײַן זעל,
מיט הפקר זײַן שיינקייט צעווייען...

און ס׳האָט מײַן הארץ געציטערט פֿון שרעק,
נאָר שווער איז געווען מיך באַזיגן,
און ס׳איז דער המון אַ פֿאַרשעמטער אַוועק
און ס׳האָט גאָר מײַן נחת געשטיגן.

און אומבאַשעדיקט מײַן בנין ער שײַנט,
שטאָלץ, באַשיצט פון השגחה,
באַשמוצן אים איז ניט געראָטן די פֿײַנד,
ווײַל באַשמוצט קען ניט ווערן אַ ברכה!

אין דער שטילקייט פון פאַרנאַכטן

אין דער שטילקייט פון פאַרנאַכטן,
ווען עס דריקט מיך אומעט גרויער,
כאַפּ איך אויף זײַן בליק פאַרטראַכטן,
טוט זיך אָפּ פון מיר דער טרויער.

כ׳קוק זיך אײַן אין זײַנע אויגן,
אויגן — שײַנענדיקע ליכטער,
און צו מיר די פליגל בויגן
טוט די שכינה פון אַ דיכטער.

ס׳וויל זיך אַ פּלי טאָן אין די רוימען,
און ברענגען אים אַ קרענצל שטערן,
און די פרייד אין מיר נעמט שוימען,
און באַזינגען אים כ׳וויל גערן.

זײַן געשטאַלט אין די פאַרנאַכטן,
זײַן געזיכט באַשטראַלט מיט שכל,
און זײַן קלוגן בליק פאַרטראַכטן,
און דעם צויבער פון זײַן שמייכל...

און צו גאָט איך ווענד מײַן תּפילה,
און איך בעט פאַר זײַנעטוועגן:
ניט פאַרלאָז אים, גאָט, חלילה,
אויף זײַנע ווײַטע, שווערע וועגן.

ווי באַדאַנקען דיר

מײַן זון, מײַן געבענטשטער, וואָס האָט מיט אומגעריכטן
שמייכל אָדער וואָרט, געקענט אַלץ גוט מאַכן, פאַריכטן
אין מײַן חרוב לעבן, ער העלפט געדולדיק מיר אויך הײַנט,
אין שווערער שעה, ער, מײַן געטרײַסטער פרײַנד.

אַן אים עס וואָלט מײַן לעבן ניט געהאַט קיין צוועק,
קיין זינען,
ער האָט מיר פרייד געבראַכט, מוטער־ליבע און געפינען
מיר געהאָלפן ס'האָט ער מוט און כוח ווען אַנטוישט,
פאַרלאָרן,
קיין אויסוועג ניט געזען האָב איך קיין קלאָרן.

ווען אין שוואַכקייט איך בין גרייט געווען
צו אַלץ אַן ענדע מאַכן,
האָט ער געצוווּנגען מיך פון די געדאַנקען זיך אויסלאַכן;
כ'האָב קנאַפּ אין לעבן אויפגעטאָן, און ווייניק גליק געפינען,
האָט באַרייכערט ער מײַן לעבן מיט אַ צוועק, אַ זינען...

אַן אָנשפּאַר מיר געווען אין מײַנע דורכפאַל־יאָרן,
אין אַנטוישונג־שעה מײַן ווײ געשטילט, דעם צאָרן,
ווייל גרוי און טרויעריק עס איז געווען מײַן לעבן
ביז גאָט אין חסד האָט מיר אים געגעבן.

ביז ער געקומען איז און מיך געמאַכט די לעבנספרייד
דערשפּירן,
און געהאָלפן מיר מײַן מוט און גלויבן ניט פאַרלירן,
און ס׳האָט מײַן קראַפט דערוואַכט, פון האָפענונג דער ניגון
און די טרוימען יונגע ווען איך פלעג אים וויגן.

☆

מײַן טרוים וואָס כ׳האָב געוועבט, מײַן זון געבענטשטער,
מיר באַשערטער,
ער איז מיט דײַן רײַפקייט געוואָרן אַ דערהערטער,
דאָס ליכט וואָס דיך באַגלייט כ׳האָב אויך פון דעם גענאָסן,
צעשמאָלצן ס׳האָט מיין אומעט, דער ווײ־קרײַז זיך געשלאָסן.

ווי באַדאַנקען דיר פאַר אַלץ וואָס האָסט מיט ברייטקייט
מיר געגעבן,
פאַר דער פרייד מיט וועלכער האָסט דערקוויקט מײַן לעבן
מיט זון־געטרײַשאַפט און געדולדיק?
פאַר די רגעס פון מײַן טרויער, זון מײַנער, אַנטשולדיק!...

דער כוח פון סיגאַלס שמייכל

פון אייביקער רו האָב איך נעכטן געקלערט,
ווען מיד, כ׳האָב פאַרלאָרן דעם ווילן צו לעבן,
כ׳האָב געקלערט פון דער לעצטער שעה ווען מען ווערט
פוןליידן באַפרײַט, וואָס ווערן אונדז צופיל געגעבן.

און הײַנט — הײַנט האָט געטראָפן דער נס
וואָס האָט מיר די פענטעס צעבונדן,
ס׳האָט אַ קינדישער שמייכל געמאַכט אַז דער פרעס
פון מײַן טרויער און ווי זאָל פאַרשווונדן.

דאָס איניקל מײַנס, ס׳איז איר נאָמען סיגאַל,
מיך באַפרייט האָט פון אומעט אײַז-קאַלטן,
איר שמייכל האָט ווי אַ דערפרישנדער קוואַל
מיך דערקוויקט, מיר דאָס חיות דערהאַלטן.

מאָרגן, פון די זעלבע געפילן קאָן זײַן,
אַז ווערן באַהערשט וועל איך ווידער,
דאָך הײַנט האָט איר שמייכל ווי גאָלדענע שײַן
דערוואַרעמט, צעגליט מײַנע גלידער.

אין דעמערונג פון די אַנגסטלעכע טעג,
פון אומעט, פּײַן און פון שרעקן,
דער שמייכל דעם קינדס, ער טוט מיר דעם וועג
צו גליק און צום לעבן אַנטפּלעקן...

אַ קוואַל פון זיסער פרייד

(מיין אייניקל סיגאַל)

אַ קוואַל פון זיסער פרייד און פאַרגעניגן
אין מײַנע גראָע, שפּעטע אונטן־יאָרן,
אַן אויסגעחלומטער און צאַרטער ניגון
ביסט מיר מײַן קינד, פון טאָג פון דײַן געבאָרן.

די שײַן געירשנטע פון דורות שׂכל
אין דײַנע אויגן וואָס די וועלט באַטראַכטן,
אויף דײַן געזיכט דײַן לוסטיק־שטיפערישער שמייכל
איז ווי אַ מאָרגן־בלום אַנטקעגן שטראַל דערוואַכטן.

ווי ס׳גיט זיך אויס אַ העלער טאָג אין ווינטער,
און עס גייט אָפּ פון באָדן די פאַרפרירונג,
מײַן לעבנס־ווילן, לאַנג שוין אָפּגעדינטער,
וועקט זיך אויף, מײַן קינד, פון דײַן באַרירונג.

איך בין שוין באַלד בײַם סוף פון אַלע סופן,
צו אָפּט פאַלט אַן אַן עלטער־מידקייט,
נאָר ווינטשן ווינטש איך מיר, און איך טו האָפן
דיך נאָך צו זען איך זאָל אין דײַן צעבליטקייט.

שטענדיק וועט מײַן ברכה דיך באַגלייטן,
מײַנע פשוטע און שטילע ווערטער,
ווו דו זאָלסט ניט זײַן, אויף וועלכע ברייטן,
אויף וועלכע אויסגעחלומט אומבאַקאַנטע ערטער.

וואַקס מײַן קינד, אַ מוטיקע, אָן שרעקן,
דו וועסט דעם סוד פון גליק פון עכטן,
שפּעטער, מיט דער צײַט אַליין אַנטפּלעקן,
און אויך די גרענעץ צווישן גוטס און שלעכטן!

מײַן אייניקלס ווּנטש

זי גלעט מיט צאַרטע פינגערלעך מײַן פּנים
און ציילט אויף דעם פון יאָרן די סימנים,
און פליסטערט שטיל באַרירנדיק די קאַרבן:
„אָ, קיין מאָל, קיין מאָל זאָלסט ניט שטאַרבן״!

דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט איך זיץ געבויגן
איך זאָל ניט זען אירע בעטנדיקע אויגן.
פון איר זאָרג פאַר מיר געוואָרן איז מיט שטומען,
נאָגנדיקן ווייטיק מײַן האַרץ אַרומגענומען.

ווי קען איך איר דערציילן, זי אַנטוישן,
אַז פון הויכן בלוט-דרוק טוט אין קאָפּ מיר רוישן?
אַז דאָס האַרץ קאַפּריזן האָט, אַ טוט עס ריטמיש יאָגן,
אַ דאַכט זיך אַז עס הערט שוין אויף צו שלאָגן.

זיץ איך מיט אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, געבויגן,
כ׳זאָל דאָס געבעט ניט זען אין אירע ווּנדער-אויגן,
כדי דעם אמת כ׳זאָל ניט דאַרפן איר אַנטפּלעקן,
און קיין שרעק אין קינדער-הערצל ניט דערוועקן...

איך זאָג איר גאָרניט צו, כדי זי ניט באַטריגן.
מיט קאָפּ אַראָפּגעלאָזטן זיץ איך אײַנגעשוויגן.
אַ מאָל וועט זי פאַרשטיין אַז ס׳איז פאַראַנען
אַ צייט פון בליִען און אַ צייט פון וויאַנען.

ישראל

צום טויט פון יצחק בן־צבי

(געוועזענער נשיא)

דאָס נייַם זיך צעטראָגן דורך לופט און דורך דראָטן
דעם ייד אומעטום האָט דערשיטערט.
אין צער האָט געשוויגן דאָס פאָלק. ס'האָט אַ שאָטן
געלייגט זיך אויף די געמיטער.

די כּרמל־בערג, דער ים און די וועלדער
די פּאַלמעס מיט שטעכיק־צעשויבערטע צווייַגן,
די זאַמדן אין מדבר, די זאַנגען אויף פעלדער
באַוויינען דעם ראש פון ישראל מיט שווייַגן.

די גראָזן צעגרינטע, דער גאָלדענער קאָרן,
יעדער שטיין, יעדער ציגל אין מויער,
אויך דער מיט נאָדלען באַהאָנגענער דאָרן
פאַרגליווערטע שטייען אין טרויער.

די ערד וואָס קיין פּרוכט האָט לאַנג ניט געגעבן,
די פעלדזן, די אוראַלטע היילן,
די טויבן וואָס אין דעם הימל דאָ שוועבן
וועגן אים וויסן פיל צו דערציילן.

אויף פעלדער געגאַנגען איז ער מיטן אַקער,
אין געפאַרן — אַ קעמפער אָן מורא,
און די היים באַשייַנט מיטן פלאַקער
פון זייַן גייַסט און מיט תורה.

געוועזן פאַרן פֿאָלק דערציִער און לערער,
אַ בײַשפּיל פון גבורה עכטער,
פון מוט און עקשנות אין נויט-צײַט אין שווערער,
אַ זון און אַ פירער גערעכטער.

דאָס פֿאָלק צווישן וועמען געלעבט ר׳האָט אין מיטן,
געקעמפט און געבויט און אים טײַער געהאַלטן,
זײַן אָנדענק אין האַרץ וועט דורות פאַרהיטן
צווישן די גרויסע געשטאַלטן.

איך בין געקומען פון געטאָס

איך בין געקומען מיט לונגען פון גאַז פאַרסמ׳טע,
פון דאָרט ווו עס איז אונדז דאָס גרויסע אומגליק געשען,
מיט גלידער געברענטע, זכרונות צעפלאַמטע,
מיט אויגן וואָס האָבן דעם חורבן געזען.

כ׳בין געקומען פון געטאָס מיט בלוט איבערפּליצטע,
געבראַכט כ׳האָב אין האַרצן פון טרויער אַ קנויל,
ווונדן פאַרעלטערטע, פלאַמיק-צערייצטע —
עדות פון פּייַן דורכגעלעכטן און גרויל.

כ׳בין געקומען פון אַלע צעחרובטע עקן,
פון ערגסטן גיהנום, פון גריבער, פון פלאַם,
און געבראַכט כ׳האָב אין מייַנע אויגן די שרעקן,
און פון „ציקלאָן" אויף מיין גומען דעם טעם.

אַ באַרויבטע פון היים, פון שוועסטער און ברידער,
פון אַלץ וואָס איז ליב מיר געווען, — מייַן באַגער
בלויז מנוחה איז געווען פאַר די גלידער,
און גליק ניט אין זינען געהאַט האָב איך מער.

מיט געבויגענעם גוף, האַלב טויט און צעבראָכן,
די פיס און די הענט אויסגעדאַרט און פאַרשטאַרט,
מיט די לעצטע כוחות צו דיר כ׳בין דערקראָכן,
וואָס דורות-לאַנג אויף מיר האָסטו געוואַרט.

אָ, איך געדענק, ביסט אַרום מיר אַנטקעגן
מיט אָרעמס צעשפּרייטע, מיט פרייד מיך באַגריסט,
ס׳האָט צעשמאָלצן מײַן גליווער דײַן וואַרעם באַגעגן —
געוואָרן אַ וואַרעמע נעסט מיר דו ביסט.

כ׳בין צו דיר צוגעפאַלן ווי צו דער ברוסט פון אַ מאַמען,
מײַנע לונגען גערייניקט כ׳האָב מיט דײַן דופט,
און געשלונגען איך האָב ווי די פּישוף־באַלזאַמען
דײַן גוטסקייט, דײַן פרייד אַזוי ווי דײַן לופט.

כאָטש נחת פון מיר, און קיין גרויס פאַרגעניגן
האָסטו ניט געהאַט, ווײַל צו לאַנג, ווי דו ווייסט,
כ׳בין צעטראָטן געווען, באַשמוצט און באַשפּיגן
געפונען ביי דיר האָב פאַרשטיין איך און טרייסט.

כ׳בין צעקאָפּעט געווען, צעבלוטיקט, צעשלאָגן
און קיין מאָל פון בייזער רציחה געשוינט,
און דו האָסט געדולדיק מײַן קרעכצן פאַרטראָגן,
ווען שוין ניט געווען כ׳בין צו מיטלייד געוווינט.

אָנגעהויבן פאָמעלעך צוריק איך האָב לעבן,
האָסט מיט זיכערער האַנט מיך געפירט,
דײַן האַרציקע זאָרג האָט מוט מיר געגעבן,
און איך האָב ווידער אַ מענטש מיך דערשפּירט.

ניט פאַרלאָזן האָסט מיך, כאָטש אייגענע זאָרגן
האָסט איבערגענוג, פון פיל שונאים באַדראָט,
שווער איך דעריבער: אין נויט, פאַר דײַן מאָרגן
צו געבן מײַן לעבן, — דו ביסט מײַן הייליקסט געבאָט!

געזאַמלט צעזייטע זין האָסט און טעכטער,
צו זיך זיי געטוליעט מיט האַרץ און פאַרשטאַנד,
מיט מאַמישער ליבע, מיט טרײַשאַפט מיט עכטער —
זיי דעריבער געבענטשט און געהייליקט מײַן לאַנד!

דער כותל

ווען ריידן עס וואָלטן די שטיינער געקענט
באַרירטע פון אַזויפיל ליפּן און הענט,
וויפל סודות זיי וואָלטן אַנטפּלעקט
וואָס ליגן אין אירע שפּאַלטן פאַרשטעקט.

ווען ריידן ווי מענטשן געקענט ס׳וואָלט אַ שטיין,
וואָלט די וועלט אויפגעציטערט פון קלאָג און געוויין
וואָס איינגעזאַפּט ס׳האָט אין זיך יעדער שפּאַלט
פון דער וואַנט וואָס איז יאָרטויזנטער אַלט.

ווײַל אין משך פון דורות, געדולדיקע, שטילע,
אַרײַנגעזאַפּט האָבן יעדער טענה און תפילה
וואָס ס׳האָבן די טאַטעס געטראָגן אַהין,
ווי מאַמעס באַוויינט האָבן טעכטער און זין,

און געוואָרן דער וואַנט פון דער לאַסט איז צו שווער,
באַפּײַכט פון דער גרויסער יידישער טרער,
און געוואָרן געבויגן און אַלט איז די וואַנט
ס׳האָט קיינער געוווּסט, ס׳האָט קיינער געאַנט

ווי שווער פון אַזויפיל סודות און פּײַן
עס איז דער וואַנט — אַ כותל צו זײַן!
נאָר שווערער געווען איז דער וואַנט אין דער פרעמד
ווען עלנט, פאַרלאָזט, געשענדט און פאַרשעמט

זי האָט זיך געפינען אין פײַנטלעכע הענט
און קיינער האָט קומען צו איר ניט געקענט
זי טרייסטן און ווערן אַליין אויך געטרייסט.

ביז דער נס איז געשען און עס איז אויסגעלייזט
געוואָרן די וואַנט און דעם פאָלק אומגעקערט
וועמען פון אייביק אָן זי געהערט.

אַז עס זאָל ווידער דאָס פאָלק צו איר גיין
און אויפנעמען ווידער עס זאָל יעדער שטיין
זײַנע מענטשלעכע טענות, זײַנע קימער און יאָכן,
אויך זײַנע פריידן אין טעג פון נצחון
און שענקען אים כוחות, מוט און ביטחון.

אין דער היים

אַ ווונדערהיים איך האָב מיר אויסגעבויט אויף זעמדער
און פאַרוואָרפן וויַט מיַין וואַנדער־שטעקן;
איך בין ניט מער קיין אומגעבעטן־פרעמדער,
אין מיַינע אייגענע, פיר געבענטשטע עקן.

די זון מיט ליבשאַפט וואַרעמט מיַינע גלידער,
די ציפּרעסן מיר שענקען זייער שאָטן,
פון די בערג, מיר דאַכט, ווי גאָר פאַרצייַטנס, ווידער
איך באַקום די לוחות מיט די צען געבאָטן.

ווען די בערג פון זון־אויפגאַנג אָנגעצונדן ווערן,
דאַכט זיך מיר, אַז „אים", ווי אויף די בילדער,
אויפן שפּיץ כ׳זע שטייען, מיט צעשטראַלטן שטערן,
און ער קוקט אַראָפּ אַ שטרענגער און אַ מילדער.

די הענט ווי פליגל צוויי איבערן לאַנד צעשפּרייטע,
ער בענטשט דעם ווונדער אין פרימאָרגן קלאָרן,
פון טאָלן, היגלען, אויפגעאַקערטע, פאַרזייטע,
אַפילו דעם פאַרגעסענעם, פאַרדאַרטן מדבר־דאָרן.

ער בענטשט דעם נס וואָס דאָס פאָלק געפונען
האָט צוריק דאָס ווינקל וואָס פאַרלאָרן
עס האָט פון לאַנג, פון לאַנג אין זיַין באַגינען, —
דאָס ווינקל וואָס פון גאָט עס איז אים צוגעזאָגט געוואָרן.

פריינדלעך ווינקען מיר פֿאַרנאַכט די שטערן
און מײַן אומקער אין דער היים באַגריסן,
מײַן היים, וואָס ניט פֿאַרגעסן זי כ׳פֿלעג שווערן,
און מיט בענקשאַפֿט-טרערן פֿלעג איך זיך באַגיסן.

שוואַנגער איז פֿאַרטאָג די ערד מיט זאַפֿטן,
און די וואָרצלען טרונקען דאָרשטיק זיי און זויגן,
און ס׳מערן זיך זייערע געבענטשטע האַפֿטן,
און פֿאַרביק גייט זי אויף פֿאַר מײַנע אויגן...

לוסטיק שפּילט דער ווינט זיך אין די גראָזן
אין די מיט סאַמעט-גרין פֿאַרשפּרייטע טאָלן,
וואָס פֿאַרטאָג אין זון-אויפֿגאַנג אין ראָזן,
ליגן זיי ווי אויף לײַוונטן געמאָלן.

פֿון קנעכטשאַפֿט-יָעול עס טוט די היים באַפֿרײַען
דעם וואַנדער-ייד — אַ שטאָלצן מענטש אויסשמידן,
וואָס מוז אָבער נאָך האַלטן דאָס כּלי-זין,
כּדי צו זיכערן זײַן שלוה און זײַן פֿרידן.

אָ, יאָ, איך ווייס, די שונאים ניט פֿאַרציכטן
אויף זייער האַס — געווער זיי שאַרפֿן, שלײַפֿן,
מיין וווּנדער-היים אין פֿײַער צו פֿאַרניכטן,
זיי לויערן פֿון יעדער זײַט זי אָנצוגרײַפֿן !...

און בויענדיק מײַן הײַנט און אויך מײַן מאָרגן,
און ניט פֿאַרגעסנדיק מײַן גרויזאַם-שוואַרצן נעכטן,
גלויב איך אין דער שיין וואָס איז דערווײַל פֿאַרבאָרגן,
און אין זיג פֿון אונדזער ציל גערעכטן !...

די באַשיצער פון לאַנד

פון פאַרשיידענע תּפוצות זיי קומען, זיי שטאַמען
פון פאַרשיידענע שיכטן די העלדישע זין,
וואָס אויף דער ערד, אין דער לופט און אויף ימען
די היים זיי באַשיצן פון נאַכט ביז באַגין.

געפּרוּווטע שוין פיל, כאָטש יונג אין די יאָרן,
זיך מקריב זיין זײַנען זיי גרייט פאַרן לאַנד.
זיי ווייסן — אַ דור איז געגאַנגען פאַרלאָרן
ווען ער ניט געווען איז צו קעמפן אין שטאַנד...

זיי זײַנען אַנטשלאָסן דאָס פאָלק צו באַשיצן.
פון זיי נאָר אַליין אונדזער רו איז געווענדט,
ווילן, נסיון אויך מוט זיי באַזיצן, —
דאָס האָט אויף זײַן לײַב דער פײַנד שוין דערקענט!

פון די יידישע הימלען די וואָלקנס געדיכטע
זיי טרײַבן, צעווייען — זיי זײַן זאָלן קלאָר!
עס פעסטיקט געניט אונדזער נײַע געשיכטע
דער קלוגער, שטאָלצער, מוטיקער דור!

זיי ווייסן, אָן פרײַנד, צווישן פײַנדלעכע שכנים
אין וועלט פון הפקרות, אָן ליבע, אָן גנאָד,
מיר זיך פאַרלאָזן ניט קענען אויף קיינעם, —
דײַן האַנט איבער זיי האַלט דעריבער, אָ, גאָט?

ישראלס אָדלער

אין די הויכע, בלאָע הימלען ווי אין שפּיגל
שוועבן שטאָלצע אָדלערס מיט צעשפּרייטע פליגל;
ישראלס זין זײַנען דאָס — מיט בענטשנדיקע בליקן
באַגלייט איך זייער פלי — גאָט זאָל זיי באַגליקן!

זיי דורך כמאַרעס און מרחקים שפּאַרן
און חוץ דער מאַמעס טרער, אין די געפאַרן,
באַגלייט זיי אונדזער שטערן אויך — דער מגן דוד
באַלײַכטנדיק זייער וועג — צו רום און כבוד!

דאָס פאָלק, דאָס לאַנד פון די באַפאַלער צו באַשיצן,
מעג מיט פײַער זיי אַנטקעגן שפּריצן,
איבער בערג זיי פליען פײַל אויס בויגן,
אַלע חושים ניכטער, שאַרף די אויגן.

זייער פלי קיין בליץ קען ניט פאַרצוימען.
שטאָלצע אָדלערס, זיי הערשן אין די רוימען
און שטאָלץ מיט יעדערן פון זיי באַזונדער
זיי באַזינגט דאָס פאָלק פול מיט באַוואונדער,
און דער פײַנד פאַרשטייט, — ער מעג ניט אויפהערן
אונדז האַסן,
מיט אַ פאָלק וואָס האָט אַזעלכע זין —
מען טאָר ניט שפּאַסן!

ווען איך הער דעם העליקאָפּטער־רויש

ווען איך הער דעם רויש פון העליקאָפּטערס אין די הויכן,
ציטערט אין מײַן האַרצן אויף אַ שטיל געבעט:
„זייער לעצטן אָטעם זאָלן זיי חלילה, ניט אויסהויכן
אין דעם געאײַלטן וועג צום קראַנקן־בעט.

דאָס זײַנען אַלע דאָך אונדזערע קינדער,
פון שונאס קויל געטראָפן שווער פאַרוווּנדעט זײַנען זיי,
ברענג זיי גאָט אַ תרופה באַלד, און לינדער,
שטיל אײַן זייער גאָר גרויסן וויי.

לעש ניט אויס אין זיי דעם פונק פון לעבן,
רינען לעבעדיק אין די אָדערן זאָל ס׳בלוט,
העלף זיי גאָט, נאָר דו קענסט הילף זיי געבן,
אויף אויסצוהאַלטן געב זיי כוח, מוט.

מיט די שווערע, בלוטנדיקע וווּנדן
זיי צום אָרט פון הילף בשלום ברענג,
מאַך אַז די סכנה זאָל פאַרשווווּנדן,
זיי דאָס יונגע צאַפּלדיקע לעבן שענק.

ווען איך זע די העליקאָפּטערס זיך אין הימל טראָגן
כאַפּט זאָרג אַרום און אומרו מײַן געמיט,
פון די קינדער כ׳טראַכט וואָס פאַרן לאַנד זיך שלאָגן,
און דער ווייטיק צו דער ערד אַראָפּ מיך ציט!

אין טאָג פון דערמאָנונג

מיר דערוואַרטן היינט געסט. כ׳עפן פענצטער און טירן.
דער היינטיקער טאָג וועט ברענגען צו פירן
די פאַרשניטענע קינדער אין פרילינג פון לעבן,
אין פרילינג פון טרוימען, פון ליבן, פון שטרעבן.

אָט קומען די געסט. זיי מאַרשירן אין רייען.
זיי בלייבן ניט שטיין. פאַרביי אונדז זיי גייען.
שערענגעס זיך ציִען פון אַלע פיר זייטן,
פון נאָענטע און פון אומהיימלעכע ווייטן,
פון ברענענדע הויכן, פון פלאַמיקן נידער —
אונדזערע קינדער, אונדזערע ברידער.

פון טאַנק ווען דער טויט איז דעם וועג זיי פאַרלאָפן,
פון עראָפּלאַן ווו אַ בליץ זיי געטראָפן,
מיט גרויליק-צעבראָכענע, צעשאָסענע גלידער —
אונדזערע קינדער, אונדזערע ברידער.

עס ווערן די רייען לענגער, געדיכטער,
און צווישן אַזויפיל מידע געזיכטער
איז שווער צו דערקענען אַ היימיש געזיכט,
אַפילו ביים העלן טאָגיקן ליכט.

עס רופן זיי מאַמעס אָן ביי די נעמען,
אין האָפנונג דער רוף וועט דערגייען צו וועמען

ער איז באַשטימט, נאָר קיינער פאַרהעמען
טוט ניט דעם טראַט.
עס איז אַזוי שטיל
און מאַמעס באַגרייפן: עס איז נאָר אַ שפּיל
פונעם דמיון וואָס טוט זיי פאַרצערן.
אַ שפּיל, און זיי וואַרטן אומזיסט אויף די געסט.
זיי ווייסן צו גוט אַז אין עלטערנס נעסט
פאַרשניטענע קינדער צוריק זיך ניט קערן.

מיט געשוואָלענע אויגן, בלינדע פון טרערן,
און מיט מאַמע־פאַרציטערטע הענט,
זיי גלעטן די בילדער אין שטוב אויף די ווענט,
די גליקלעך־צעשמייכלטע, יונגע געזיכטער —
אפשר פון דענקער, אפשר פון דיכטער,
אפשר פון סתם אַ באַשיידענעם קינד
אַלע זיך האָבן גלייַך כבוד פאַרדינט,
אַלע זיי זייַנען אונדז אייגן און טייַער —
פאַרשניטענע קינדער אין זעלביקן פייַער.

— — — — — — — — — — — — — —

אומשטערבלעך זיי בלייַבן. אומשטערבלעך עס וועלן
זייערע נעמען דעם פאָלק תמיד העלן,
באַשריבן אין מעשׂות, באַזונגען אין לידער —
אונדזערע קינדער, אונדזערע ברידער.
אין טאָג פון דערמאָנונג, מיט באַצערטן געזיכט
צינדן פאַריתומטע מאַמעס אָן ליכט.

חורבן

מיר זיינען די עדות

מיר זײַנען די עדות פון גרויל-טאַט און שחיטה,
די רעשטלעך פון אומקום-פאַרפײַניקטן דור!
מיר קומען פון פוילן, פון רוסלאַנד, פון ליטע,
מיר האָבן דעם חורבן געזען אין וואָר!

ס'דוכט זיך — מיר זײַנען ווי אַנדערע מענטשן,
דעם אָנזאָג פון טאָג מיר באַגריסן מיט פרייד,
מיר וויינען, מיר לאַכן, מיר שעלטן, מיר בענטשן,
נאָר דער זכרון אונדז שטענדיק באַגלייט.

די אויגן באַגלייטן אין זכרון די רייען,
דער אויער ער ציילט יעדן איינציקן טראָט,
אין שלאָפּלאָזע נעכט הערט ער יאָמער-געשרייען
און די פאַרגליווערטע טענות צו גאָט.

ס'שרעקט אונדז די שטילקייט. ס'ברענגט דער זכרון
אונדז אין דער שטילקייט די קרעכצן פון פּײַן,
עס זײַנען און ס'וועלן פאַרגיין פיל יאָרן,
מיר וועלן ווי אַנדערע מער שוין ניט זײַן!

ווײַל מיר האָבן ניט איין מאָל געקושט טויטע ליפּן
און פילן נאָך אַלץ זייער פראָסטיקן טעם,
מיר קענען דעם בונד ניט צעבינדן, צעקניפּן.
מיר זײַנען געבונדן מיט פראָסט און מיט פלאַם.

מיר האָבן די פײַער-פלאַמען געשלונגען,
איז צעברענט אונדזער לײַב, פאַרסמ׳ט אונדזער בלוט,
מיר טראָגן דעם רויך נאָך אַלץ אין די לונגען,
די וואָרצלען פאַרדאַרבט ער פון פרייד און פון מוט.

אין מיטן פון פרייד און צעשפּילטן געלעכטער
גיט די דערמאָנונג פּלוצעם אַ ווונק,
די פרייד ווערט אַנטרונען, ס׳פאַרהאַקן זיך ווערטער,
ס׳געמיט נעמט אַרום אַן אײַז-קאַלטער רונג.

אונדזער שווײַגן איז שווערער, ס׳געלעכטער איז העכער,
מיט אַנשטעל מיר דעקן דעם אומרו, די שרעק,
ווײַל אין נעכט קריכן מערדער אַרוים פון די לעכער
און פאַרוואַנדלען דעם שלאָף אין אַ בלוטיקן וועג.

מיר שטאַמען פון פּוילן פון רוסלאַנד, פון ליטע,
און דורכגעמאַכט אַלץ וואָס זעט אויס ניט וואָר,
מיר זײַנען די עדות פון גרויל-טאַט און שחיטה,
די רעשטלעך פון ניט פאַרשניטענעם דור!

ביים געטאָ־דענקמאָל

איך לייען דעם אויפשריפט און ס׳ווערן מײַנע גלידער
אײַזיק־קאַלטע פלוצעם ווי אָנגעגאָסענע מיט בלײַ.
איך פאַל מיט מײַנע ליפּן צו דער ערד אַנידער
און ס׳דאַכט זיך מיר אַז ווי באַנעמען כ׳שרײַ.

כאָטש ליפּן זײַנען האַרט צונויפגעפּרעסט צוזאַמען,
און קיין קלאַנג זיי ברענגען ניט אַרויס,
פאַרן דענקמאָל וואָס דערציילט פון פּײַן און פלאַמען
פון מײַן טיפקייט טוט אַ שרײַ דער צאָרן און אַ ברויז.

עס קוקן פנימער פון שטיין אַראָפּ — אַ שורה,
האַרטנעקיקע, צעקאַרבטע אויך פון פּיין,
די פאַרקערפּערונג פון מוט אויך און פון גבורה —
ווי קום איך דאָ, ווען כ׳וואָלט געדאַרפט מיט זיי גאָר זײַן?

איך שעם זיך מיטן צופאַל וואָס לעבן כ׳בין געבליבן,
און שטיין פאַר זיי, וואָס פון וויי און מוט,
אין דער געשיכטע פון העלדישקייט אַ בלאַט אַרײַנגעשריבן,
קעמפנדיק אַקעגן פײַנד ביז לעצטן טראָפּן בלוט.

כ׳האָב דאָך געקענט מיט ברידער, שוועסטער
זײַן אין יענער אומדערהערטער שלאַכט.
דער דענקמאָל איז פון בראָנדז געשמידט, אַ פעסטער,
און ס׳ווייט פון אים מיט ווערדע און מיט מאַכט.

דער הימל איבער אים אין וואָלקנס אײַנגעטוליעט
ווי אין אַ שוואַרצן, שווערן טרויער־קלייד,
און דער ווינט מיט בייזער לוסט צעהוליעט
איבער אים ער ווירבלט און ער דרייט.

נאָר פּלוצעם זיך דערטראָגט פון ווײַט אַ ניגון:
„זאָג ניט קיין מאָל אַז דו גייסט דעם לעצטן וועג״!
און ס׳האַקט זיך אָפּ דער ווינט, אומזיכער, ווערט אַנטשוויגן
פאַר דעם ליד פאַרפאַסטן אין די געטאָ־טעג.

ווי אַ תּפילה אין די הייכן הוידען זיך די קלאַנגען,
דאָס טרויער־קלייד טוט אויס דער הימל באַלד,
די וואָלקנס זײַנען זיך צעשווימען, זיך צעגאַנגען
און געוואָרן מיט אַ ליכטיקייט באַשטראַלט.

און מיר זיך דאַכט: עס נעמען זיך באַוועגן
די גופים אויפן דענקמאָל, אין די אויגן — פלאַם,
און מיט פײַער־האָגל וואַרפן זיך דעם פיינד אַנטקעגן,
צום כבוד און צום שטאָלץ פון אונדזער שטאַם!

אויף די חורבות פון וואַרשע

איך שפּאַן צווישן בערג אָנגעוואָלגערטע שטיינער.
איך זוך דעם אַמאָל אין פאַרשטיינערטן הײַנט,
איך זוך: אפשר צאַפּלען דאָ עמעצנס ביינער,
אַ שפּור פון משפּחה, אַ סימן פון פרײַנד.

מיר דוכט זיך — איך זע אין אַרומיקן טרויען
ווי ס׳שײַנט אַרום פונעם מיסט אויף דער ערד,
אין בלוט אײַנגעריכט אַ זילבער־קנויל גרויער —
די האָר אויסגעצופּטע פון יידישע בערד.

איך זוך און דערזע, פאַרקלעמט צווישן ציגל,
(אַ סימבאָל פון גרויזאַמען, רוצחישן „זיג״,)
הענגט אין דער לופט אָן באַוועגונג, אַ וויגל —
ליגט אפשר אָן עופּע׳לע דאָרט אין דער וויג?
אַט שטעקט אויך אַ שלייער אַרום פון די שטיינער;
ווו איז די פרוי וואָס האָט אים אָנגעטאָן?
ער היט די קדושימס צעשלײַדערטע ביינער
געוויגט פונעם ווינט ווי אַ הייליקע פאָן.
אַ שיסל, אַן עמער, אַ קרוג אָן אַן אויער,
אַ ווייס שטיקל טוך פון אַ קינדישן העמד,
פון אַ קויל דורכגעשאָסן, אַ פּאַלטן אַ גרויער,
פאַרלוירענע שיך דאָרט ליגן, פאַרשעמט.
איך נישטער און איך געפון עפּעס ווידער —
אַ בלעכל אין מיסט מיטן נומער פון הויז.
אוי, גאָט! דאָ געוווינט האָבן מײַנע צוויי ברידער,
אַ זכר געבליבן ז׳דאָס בלעכל מיר בלויז.

☆

כ׳בין מיד און צעבראָכן, כ׳באַגים זיך מיט טרערן,
עס יאָמערט אין מיר דאָס האַרץ און עס שעלט,
ווי צוזען דאָס רויִק געקענט האָבן שטערן?
ווי קען מיט דער זינד עקזיסטירן די וועלט?

איך טו צווישן חורבות זיך פאַרזיכטיק ווענדן,
איך ציטער, חלילה, מײַן פוס ערגעץ־ווו
זאָל ניט דעם שפּור פון אַ הייליקטום שענדן,
ניט שטערן די קדושימס אייביקע רו.

פיר בילדער

אימה און שרעק אויף די וואַרשעווער גאַסן
ווו טויט און יסורים באַגריסן די טעג;
דײַטשן מאַרשירן דאָרט שטײַף און געלאַסן
און זיי פאַרגיסן מיט בלוט זייער וועג.

געיאָגט און געטריבן פון מערדער געניטע,
מיט געלאָדענע ביקסן פאַרקלעמט אין די הענט,
יידישע מחנות ווי שאָף צו דער שחיטה
שלעפן זיך צווישן דראָטן און ווענט.

פנימער בלייכע, ליפּן פאַרביסן,
רוקנס געבויגן, די קעפּ צו דער ערד,
אויגן פון אַנגסט און ווײ אויפגעריסן
אַנען זיי שוין וואָס עס איז זיי באַשערט?

עס פאַלן באַפעלן פון ווילדע באַגלייטער:
„פאַל און שטיי אויף! בלײַב ליגן! לויף שנעל"!
גליקלעך איז דער וואָס פאַלט אַ געטייטער
אויסגעלייזט פון יסורים און קוועל.

און פּלוצעם, אין וועטער שנייִיקן, נאַסן,
די מענגע געפירט צו דער אַרבעט מען האָט,
אַ טומל געשען איז אויף וואַרשעווער גאַסן,
אַ ביקסן-געקנאַל הילכט איבער דער שטאָט.

פון פײַער־מכשירים עס הילכן די קנאַלן,
עס קרישלען זיך שויבן, עס ציטערן ווענט,
מיט שטומפּיקן קלאַנג איז אַרויסגעפאַלן
אַ פּעקל פון עמעצם פאַרגליווערטע הענט...

אַ חוצפּה פון ייִדן — דערשרעקן די העלדן!
פאַר דעם קומט אַ שטראָף ווי זיי האָבן פאַרדינט!
מען דאַרף פאַר די טויטע דאָך קײנעם ניט מעלדן,
קיין צאָמען ניט שטעלן — אַזוי ווי פאַר הינט!

☆

אַט גייט דאָרט אַ רײַע מיט פרויען באַזונדער
מיט קלומיק אויף פּלייצע שפּאַנט איינע ווי בלינד,
געלונגען איז איר, צווישן וווּנדער אַ וווּנדער,
באַהאַלטן אין זאַק דאָס עופל, איר קינד.

לײַכטער ז'דער וועג מיט דער קינדערשער משא,
זיכערקייט האָבן געקראָגן די טריט.
מעג טרערן דאָס האַרץ און די אויגן זײַן נאַסע,
דאָך פינקלט די טרער און מיט האָפענונג גליט.

זײַן אויג מיט פאַרדאַכט דער באַגלייטער געוואָרפן
האָט אויף דער פרוי, און אין קלומיק מיט ווּט
שטעכט ער אַריין זײַן באַגנעט זײַן שאַרפן
און אַ גאָס זיך געטאָן ס'האָט דעם עופעלעס בלוט.

דער מוטער־יעכץ האָט די לופט אויפגעריסן,
זי וואַרפט זיך צום מערדער מיט נעגל און ציין,
זי האָט אים געדראַפּעט, געגראַבלט, געביסן
דער „העלד״ אויף אַ רגע צעטומלט בלײַבט שטיין,

פאַרווּנדערט באַטראַכט די ווײַבערשע גרופּע,
און מיט זײַן געווער אין מטורפן האַס
ס׳האָט געטאָן ער אַ שטעך און הרוגים אַ קופּע
געבליבן איז ליגן צעזייט אויף דער גאַס.

☆

אַט הענגט ווי געקרייצט אויף שטעכיקע דראָטן
אַ גוף אויסגעצערטער פון הונגער און נויט.
בײַ זײַנע פיס דרײַ קאַרטאָפל צעשאָטן,
און ברעקלעך פון אַ פאַרשימלטן ברויט.

דורך אַ לאָך אין דער וואַנט, דורך עלעקטרישע דראָטן
זוכן שפּייז זיך געלאָזט דאָס זעקסיאָריקע קינד,
דעם אוצר דערטראָגן איז אים ניט געראָטן,
געפונען דעם טויט פאַר דער שרעקלעכער זינד.

☆

יידן מען יאָגט פון די הויפן, די שטיבער.
דער באַפעל איז געפאַלן: פאַרלאָזן די היים,
גרויזאַם ער איז דער באַהעלמטער גיבור.
נאָר אײַל זיך ווען ס׳זיינען די פיס ווי פון ליים.

די שרעק כאַפּט אַרום ווי מיט אייזערנע פּאַסן
דאָס האַרץ איז אין קראַמף, זיך באַהערשן ניט קען,
עס רוישט אין געהירן ווי אויף די גאַסן,
עס בלוטן די ווערטער: „באַלד וועט געשען”...
אַ נאַצי, אַ מערדער האָט עמעץ דערשאָסן.
מיט הונדערט פּאַר איינעם באַצאָלט זײַן וועט איצט,
זײַנען יידן געפאַלן, יידיש בלוט זיך געגאָסן,
אויף אייביק דאָס בילד איז אין האַרצן פאַרקריצט.

✡

אימה און שרעק אויף וואַרשעווער גאַסן.
מען יאָגט און מען שלאָגט, מען שיסט און מען ברענט.
די „איידעלע” ראַסע שטאָלץ און געלאַסן
צייכנט איר וועג מיט פאַרבלוטיקטע הענט.

דאָס זיינען ניט בילדער פון קראַנקן זכרון
וואָס כ׳האָב פאַרשריבן אין ליד אָט־אָ־דעם,
נאָר בלוטיקע בלעטער פון פאַרשאָלטענע יאָרן,
בילדער פון אומקום על קידוש השם!

די דרײַ ניט־דערשלאָגענע ווענט

אין האַרץ פון דער געטאָ, אין תחום פונעם חורבן
שטייט עלנט אַ הויז, פאַריתומט, פאַרברענט,
צעקאַליעטשעטער גוף, ניט דערשלאָגענער קרבן
מיט צעשמעטערטן פראָנט, דריי פאַרעקשנטע ווענט.

ווי אַן אָפענער בויך מיט צעפּליקטע געדערים,
ווי דאָס שוואַרצע געוויסן פון פאַרדאָרבענער וועלט,
ווי ס׳געזיכט פון אַ רשע, דער גרויל פון אַ חרם —
עס נעמט פון געזעענעם דורך מיך אַ קעלט.

די ראַמען צעבויגן, אָן שויבן די פענצטער,
געשלײַדערט פון ווינטן אַראָפּ און אַרויף
גלײַך צווישן די ווענט וואָלטן ווינען געשפּענסטער,
שפּרינגט אונטער אַ לאָד אויף פאַרזשאַווערטער שרויף.

עס צאָרנט דער ווינט און וואַרפט מיט שטיקער
קאַלך און ליים גאָרניט אין שפּאַס,
און אפשר צעברויזט, פון צאָרן גאָר שיכור,
ער לאָזט אויס אַזוי צו דער מענטשהייט זײַן כעס?..

איין ווינקל איז פול מיט צעוואַלגערטע ספרים,
אין מיטן פון שטיינער־בראָכוואַרג און אַש
די ספרים נאָך אַלץ אין געדריי רײַסן קברים,
זיי בלעטלען זיך ווילד מיט געיאָמער און רעש.

פון מיסט שטעקט אַרויס מיט צעשפּאַלטענעם שאַרבן,
מיט צוויי אויסגעדרייטע, צעקריפּלטע פיס,
אַ פערדל, אַ שפּילצייג, מיט קנייטשן און קאַרבן —
פון קינדערשער פרייד אַ דערמאָנונג עס איז.

קינדערלעך פלעגן אַ מאָל דאָרט זיך שפּילן
צווישן פיר העלע גליקלעכע ווענט,
איצט זיינען חרוב די טרעפּ און די דילן,
פאַרוואַנדלט אין קויל, פאַרברענט.

פון אַ בילד אויף אַ וואַנט, אַ געשווינטן פון פייַער
קוקן אויגן אַראָפּ אויף דעם חורבן אַרום,
אויף אַלץ וואָס געווען איז זיי נאָענט און טייַער
און איצט ליגט צעשמעטערט און שטום.

☆

לעבנס צעשטערט, פאַרמעגנס צעטרעטן,
הייַזער צעשמעטערט, פאַרוואַנדלט אין שטיין,
אין נאַקעטע, אימהדיק שוואַרצע סקעלעטן —
פון קדושים ליגט דאָ אין שטויב דאָס געביין!

מעג רוישן דער ווינט מיט צעבלאָזענע קלאַנגען,
דאָך הער איך אַ קול וואָס דערמאַנט מיר געוויין,
ס'האָבן ווענט זיך פאַרקייַכט, אין אַ שלוכץ זיך פאַרגאַנגען,
פאַריתומטע ווענט אין דער געטאָ, אַליין.

מיין רוקן, מײַן קאָפּ ווערן אַלט, פֿול מיט יאָרן,
ס׳גליווערט מײַן בלוט און ס׳פֿאַרברעכן זיך הענט,
איך שליס אײַן דאָס בילד אין מײַן האַרץ, אין זיכרון,
דאָס בילד פֿון די דרײַ ניט דערשלאָגענע ווענט.

איך זע זיי שפּאַנען

איך זע זיי אַלע שפּאַנען אין רייען,
יונגע פרויען, מענער, זקנים, קינדער,
מיט אויגן אָפענע קומען זיי און גייען
דאָך יעדער ווי ער וואָלט געווען אַ בלינדער.

זיי קומען מחנותווייז פון בונקערס, גריבער,
פון אונטער שלעסער, ריגלען, צאַמען,
פאַרפייניקטע מיט הונגער, גאַז, און פיבער.
אין אויוונס מיט צעבושעוועטע פלאַמען

פון האַס צעבלאָזענעם, פון רשעות — קרבנות,
אַלע פון איין אוראַלט-גרויסן יחוס.
ניט צו בעטלען, וועקן מיטגעפיל, רחמנות
קומען זיי, נאָר אין אַ וויכטיקער שליחות!

פונעם געטאָ-אַש, פון בלוט דעם רויטן,
פון ערד אויף וועלכער ס׳וואַקסן ניט קיין בלומען;
באַשולדיקן פאַר אַלע שוידערלעכע טויטן
קומען זיי און וועלן אייביק קומען!

לאַנגזאַם ציִען זיך די רייען אויף די וועגן,
ווי סציִען זיך אין פיין די רגעס, טעג און וואָכן,
כ׳דערקען אַ טייל פון מײַן פאַרלאָרענעם פאַרמעגן,
און דאָ און דאָרט דערקען איך אויך אַ שכן.

איך עפן ברייט די פענצטער און די טירן
און וואַרט דער ווינט זאָל קומען מיר דערציילן
אַז ער האָט אַ גאַסט געבראַכט פאַר מיר צו פירן
כ׳זאָל די ווונדן זײַנע מיט מײַן בלוט פאַרהיילן.

דאָך שפּאַנען זיי אין שטילקייט, שטום, אָן לשון
פאַרבײַ מײַן שוועל. זיי גייען, גייען.
כ׳ווער פלוצעם שטײַף ווי זיי און אויסגעלאָשן
און אַ פאַרשטאַרטע כ׳צייל און צייל די רייען.

איך זע

די שרעק און געפאַר זײַנען לאַנג שוין פאַרשווּנדן,
די זון שמייכלט ווידער געמיטלעך און ברייט,
די צײַט האָט פאַרלאַטעט, פאַרקאַרבט אַלטע ווונדן,
דערוויַיטערט דעם אומעט, דערנענטערט די פרייד.

און אפשר איז אַלץ גאָר אַ שפּיל פון זכרון?
אפשר געשען איז גאָר אַלצדינג אין שלאָף?
דער אומקום אין פּיין, די בלוט-זאַטע יאָרן —
אַ חלום מיט שרעקלעכען אָנהויב און סוף?

דאָך קומט די דערמאָנונג, עס קומט חודש ניסן
ס׳מאַכן ווּנדן זיך אויף וואָס געוועזן פאַרקאַרבט,
איך זע ווי עס זאַמלען זיך, מערן זיך, פליסן
קוואַלן און טײַכן מיט בלוט-רויטער פאַרב.

בילדער דערזע איך פול גרויל און יסורים
אין צעפלאַטערטער שײַן פון געצונדענע ליכט;
אין תהום פון מײַדאַנעק, אין צעיושעטן שטורעם
דערקען איך אַ היימיש, פאַרפּייניקט געזיכט.

די לײַדן און צער אין מאַמעשע אויגן
כ׳זע דורך פאַרריגלטע טירן און ווענט,
איך זע ווי פאַרעקשנט, אין דרײַען געבויגן,
זי בלאָזט אויף פאַרגליווערטע קינדערשע הענט.

איך זע: אין דעם טאַנץ, דעם מבול פון פײַער,
צוקט אין געדריי אַ צעפּלאַקערטער גוף,
דער גוף פון אַ קעמפער, אַ העלד, אַ באַפרײַער,
און כ׳ווייס שוין אַז דאָס איז געשען ניט אין שלאָף.

עס נעמען זיך קלאַנגען פאַרשיידענע וועקן,
פּילברוסטיקער קרעכץ פון גאָט ניט דערהערט,
עס טראָגט, פון אַלע ווײַטסטע פיר עקן
דער יידישער ווי זיך איבער דער ערד.

איך זע, אין די פלאַמען זיי ווערן פאַרשוווּנדן,
פון ווייטיק און צער אַ געדריקטע איך ווער;
ליכטלעך אין אַנדענק פון אומקום מיר צינדן
און ס׳טריפט פון צעפלעמלטע ליכטלעך אַ טרער.

דער ווייַטער אַמאָל

שאָטנס געבונדן מיט פריידן און ליידן
קומען געוויינלעך אין שלאָפלאָזע נעכט,
זיי דרינגען אַרייַן אין מייַן צימער באַשיידן
די שטומקייט דערוואַכט, די רו ווערט צעשטערט.

זיי וועקן אין שטילקייט אויף מייַן באַדויער
און ברענגען זכרונות מיט שנעלקייט פון ווינט,
די בענקשאַפט פאַרהילט און פאַרוויקלט אין טרויער,
פאַרוואַנדלט די שולד פון פאַרגעסן אין זינד.

ס׳אַנטפּלעקן זיך זאַכן, געשטאַלטן, סימנים
פון ווייַטן אַ מאָל ; — אין דעם שאָטן-געדראַנג
באַווייזט זיך אַ בילד, צעשטראַלט זיך אַ פּנים,
פאַרשווונדן ווערט פּלוצעם פון יאָרן דער גאַנג.

מיט קלוגן, גוטמוטיקן שמייכל מייַן טאַטן
דערקען איך דאָרט. ער שטייט ביי דער זייַט.
ס׳האָט דער אויסדרוק פון וויסן און שכל זיין שאָטן פאַראַטן,
פון דורות געפּלאַנצטע, פון פאַרשווונדענער צייט.

דאָרט לעבן אים שטייט אין טרויער מייַן מוטער,
געלייַטערט אין פייַן איז איר איידל געזיכט,
ס׳איז איר בליק אַזאַ מוטערלעך-גוטער,
אַ זילבערנע טרער שייַנט אין אים ווי אַ ליכט.

עס ציטערן, צאַפּלען ביי ביידע די ליפּן,
און ס׳ווערט פונעם צאַפּל געבאָרן אַ וואָרט.
כ׳באַמי מיך די איינצלנע ווערטער פאַרקניפּן
וואָס בלוטיקן איינס מיטן צווייטן געפּאָרט.

כ׳דערזע אין געזעמל געדיכטעניש גרעסטער
צווישן יונגע געשטאַלטן, אין שטילקייט פון נאַכט,
דאָס ליבע געשטאַלט פון פאַרשטאָרבענער שוועסטער
מיט אויגן פאַרחלומטע, ערנסט־פאַרטראַכט.

באַגריסן איך טו מיט געהייליקטן פיבער,
מיט ציטער פון בענקשאַפט דעם ווייַטן אַמאָל,
אַלץ וואָס געווען, וואָס איז לאַנג שוין פאָריבער,
און דאָס ליכט פון מאַמעס אַ טרער און איר קול.

דער ווייַטער אַמאָל — צעשלייַדערט דורך יאָרן
אַ באַרג פאַרוויאַנעטע בלעטער. דאָך אַלץ און באַנייַס,
פון דעם אַמאָל פאַר מייַן האַרץ און זכרון,
שעפּ איך די טייַערסטע שפּייַז.

כ׳האָב ליב אין לויטערע פאַרנאַכטן

כ׳האָב ליב אין קלאָרע, לויטערע פאַרנאַכטן,
אַרויפצוקוקן צו די ווײַטע, הויכע ספערן,
דעם סודותפולן הימל-וועג באַטראַכטן
און ציילן דאָרט די פינקלענדיקע שטערן.

אונטן, אויף דער ערד זײַנען פאַרנאַכטן טונקל,
אויבן — אַ געמיש פון פראַכט און וווּנדער,
אַ שפּיל אַ בלענדיקע פון שײַן און פונקען
אין יעדן קלענסטן שטערנדל באַזונדער.

אָפט דאַכט זיך מיר אַז ווינקענדיק די שטערן
דערציילן וואָס, און איך פאַרשטיי זייער לשון,
אַז אויך ווי מענטש זיי שרעקן זיך צו ווערן
אויף אייביק טויט און אויסגעלאָשן.

איך זע אויך אָפט ווי ס׳פאַלן אין אַ פיבער
שטערן אינעם רוים, צעשפּריצט אין פלאַמען,
עס שלינגט זיי אײַן די פינצטערניש פון גריבער
אין דעם אין סוף מיט זייער ליכט צוזאַמען.

עס באַהערשט מיך דעמאָלט אַזאַ טרויער,
ניט ווילנדיק איך שלינג דאַן הייסע טרערן,
ווײַל אין געדאַנק, מיט ווייטיק און באַדויער
איך צייל פון פײַן פאַרצערטע, מענטשן-שטערן.

איך ווינטש דערבײַ — אַ צײַט אַ מאָל זאָל קומען
און אַלע גריבער זאָלן זיך צעפּראַלן,
עפענען עס זאָלן זיך די שוואַרצע תהומען
און מיטן ליכט פאַרשלינגענעם די וועלט אויף ס'ניי
באַשטראַלן,

אַלץ וועט דעמאָלט זיך צעלויכטן און צעבליִען
מיט פרייד צעהעלטער פון אַ פריש געבאָרן,
מלאכים וועלן זינגענדיקע קניִען
און וועלט אין פינצטערניש וועט מער ניט זײַן פאַרלאָרן!

כ׳האָב געקוקט דעם טויט אין די אויגן

כ׳האָב געקוקט דעם טויט אין זײַנע לעכער־אויגן,
דעם באַריר געפילט פון זײַנע ביינער־הענט,
ווען געשטאַנען איבער מיר ער איז געבויגן,
און זײַן אָטעם האָט מיך ווי דער פראָסט געברענט.

מײַן האַרץ — אַ פויגל אַ געפאַנגענער אין צאַפּל,
האָט פון בענקשאַפט, צער און שרעק,
זיך נאָך געקלאַמערט צו דעם לעצטן שטאַפּל
פון מײַן לאַנגן, סכּנות־פולן וועג.

דער וועג פאַרהילט אין שאָטן איז געליגן,
און מיט קברים פיל פאַרזייטע בײַ דער זײַט,
און צו מיר האָט נאָך אַ ווידערקול געשטיגן
פון לעבן ערגעץ נאָענט, ערגעץ ווײַט.

☆

אין די אויגן פונעם טויט אין אַנגסט־יסורים
כ׳האָב געקוקט און אײַנגעדרייט אין שרעק;
דאָך האָב איך נאָך געהערט דעם עכאָ פון אַ שטורעם
וואָס האָט פאַרוויים דעם אַלטן, גוט־באַקאַנטן וועג.

מיר, די פֿאַרפּײַניקטע

מיר די פֿאַרפּײַניקטע, אומשולדיק-פֿאַרצערטע,
פֿון מענטשן פֿאַרלאָזטע, פֿון גאָט ניט דערהערטע,
פֿאַרהונגערטע צום טויט, אָפּשרעקנדיקע סקעלעטן,
פֿון מערדערשע פּיס געקאָפּעט, געטרעטן,

אומגעבראַכטע אין די אויוון-פֿלאַמען,
לעבעדיקע, טויטע — פֿאַרשאָטן צוזאַמען,
אין גריבער איינזאַמע, אין אומבאַקאַנטע קברים,
געלערנטע און עמך, רײַכע און אָרעם,

מיר צעשאָסענע, געבראַנטע גופֿים, גלידער —
מיר ווענדן זיך צו אײַך, געראַטעוועטע ברידער,
מיר פֿאָדערן, מיר רופֿן צו געדענקען,
און קיין מאָל די פּײַניקער ניט שענקען.

מען האָט ניט געאַנט

אין לעבן געטאָן האָב איך בלויז זיך געזעגענען,
און קיין מאָל באַשערט ז׳מיר געווען זיך באַגעגענען.
מײַן מאַמע, מײַן טאַטע, שוועסטער און ברידער,
ניט באַשערט מיר געווען איז צו זען זיי ווידער.

די נאָענטע קרובים — אַ זייער לאַנג צעטל,
די גוטע פרײַנד, די באַקאַנטע פון שטעטל,
נײן, ניט געוווּסט האָב איך דאָן בײַם געזעגענען
אַז כ׳וועל זיי קיין מאָל מער ניט באַגעגענען.

פון דעמאָלט זײַנען פיל יאָרן פאַרגאַנגען,
און איך בין נאָך אַלץ פון אַנגסטן געפאַנגען,
און ניט שוואַכער עס ווערט די געדענקשאַפט,
און ניט אויסגעלאָשן די בענקשאַפט.

מיט שמייכל און שפּאַס האָב איך אָפּשייד גענומען,
געזעגנט מען האָט מיך מיט שמייכלען און בלומען; —
ווער האָט געוווּסט, געקענט האָט ווער דענקען
אַז שטראָמען פון בלוט וועלן אַלע פאַרטרענקען?

ווער האָט געוווּסט פון די מאָרד־זאַווירוכעס?
אַז אַרוּם אויף דער וועלט וועלן העסלעכע רוחות
און פאַרפלייצטע מיט בלוט וועלן ווערן די וועגן?
אַז איך אויף אייביק מיט זיי זיך געזעגן?

וואָלט מען געוווּסט — אַ קוש וואָלט גערויערט,
אַ וואָרט וואָלט געיאָמערט, אַ שמייכל געטרויערט,
אַ האַנט אין אַ האַנט וואָלט זיך לענגער פאַרהאַלטן,
די טרערן אין אויג מען וואָלט ניט פאַרהאַלטן.

אַ יאָמער־געשריי וואָלט די לופט אויפגעריסן,
און עמעץ די ליפּן אין ווייז וואָלט פאַרביסן,
עמעץ דעם קנויל וואָס אין האַלדז איס געוואָרגן
וואָלט אין יסורים פון יעדן פאַרבאָרגן.

ס'האָט קיינער געאַנט, זיך ניט אָנגעשטויסן
ווי נאָענט מען איז שוין פון אומגליק דעם גרויסן,
אַז אין דער האַנט מיטן אונטערצינד־פאַקל
דער קאַט אונדז שוין גרייט דעם ווייסטן סך הכל.

מיר דאַכט זיך נאָך אַלץ: ס'איז אַ חלום פול שרעקן,
פון וועלכן עס טוט מיך קיינער ניט וועקן;
איך נאַר זיך אַליין און איך הער ניט אויף האָפן
אַז דאָס האָט זיך ניט אויף אַן אמת געטראָפן...

...יאָ, ס'איז אַ דור אין פייער פאַרשוווּנדן,
די ליבסטע צו וועמען געווען כ'בין געבונדן,
מיט וועמען איך האָב, אַ מאָל בײַם געזעגענען
ניט געוווּסט אַז כ'וועל קיין מאָל זיך מער ניט באַגעגענען.

מיין קינדס הענטלעך

פון אַלע וואָגל־וועגן איז איינער
צום קלאָרסטן אין מײַן זכרון פאַרקריצט;
ס׳דוכט מיר אָפט — איבער גריבער און שטיינער
פון די טראַגישע יאָרן גיי איך נאָך איצט.

אין דרײַען מיר שפּאַנען ביז האַלב אין די שנייען,
אויף וועגן צו וועלכע איך זע ניט קיין סוף,
הינטער אונדז — טאַנצן שריפות, ווילדע געשרייען,
פראָסט און שטורעם אין ווילדן געלאָף.

ס׳איז נאַכט און דער שטורעם צאָרנט ווי שיכּור,
הוילט אַ צעיושעטער, רעוועט און שרײַט,
טרײַבט אָן רחמנות, רײַסט פון אונדז שטיקער,
ווי ס׳מעסער אין האַנט פונעם שעכטער, אונדז שנײַדט.

מיר זינקען אין אָפּגרונטן טיפע פון שנייען,
אין שווערן געראַנגל אויף לעבן און טויט,
און ווירבלען — מיט צאָרן זיי ווייען און דרייען, —
דאָס בלוט ווערט פאַרגליווערט אונטער דער הויט.

ס׳איז נאָענט די לעצטע רגע שוין זיכער.
בלויז שליסן די אויגן און ווערן וועט שנעל
דער גוף אײַנגעהילט ווי אין וואַרעמע טיכער,
און גרייכן פון סוף און פון אויסלייז די שוועל.

מיט אייזיקע טרערן דאָס פּנים, די ברעמען,
עס שמאַרצט ווי עס וואָלטן עס פלאַמען געברענט.
מײַן האַלדז ביז דערשטיקונג, אין קראַמפּן עס נעמען
אַרום מײַן קינדס צוויי פאַרפראָרענע הענט.

און פּלוצעם כ׳דערפיל אַזאַ דראַנג צום לעבן,
פון אויסדויער פּלוצעם פאַרשטיי איך דעם סוד,
צוויי קינדערשע הענטלעך דעם כח מיר געבן
וואָס גרינגער ער מאַכט און באַפליגלט מיין טראָט.

די הענט פון מײַן קינד דערמאָנען און וועקן
דעם כח אין מיר אין סכּנה־מינוט,
וואָס ביזן סוף פון וועג זאָל מיר קלעקן,
זיי ווערן מײַן אינהאַלט, דאָס ליכט פון מײַן בלוט!

איבער פרעמדע גרענעצן

מיר שאַרן זיך אין שטומען שווייַגן
אין דער פינצטערניש פון נאַכט;
יעדער שאָרך פון בלעטער, צווייַגן
וועקט אַ גרויליקן פאַרדאַכט.

ס'איז דער טראָט אַ שווערער, מידער,
ס'דרייט דער פּחד זיך אַריין
ווי אַ שרויף אין אַלע גלידער —
וואָס וועט זייַן? וואָס וועט זייַן?

פליִיצעס — הויקערדיק־געבויגן,
פון געזיכטער שוויים זיך גיסט,
ס'קוקן מיד זיך אייַן די אויגן
אין דער חושכדיקער וויסט.

האַרץ אַ שטיק פאַרקילטער פלאַטער,
ציטערט אויף פון יעדן קלאַנג
און די פיס מיט מי און מאַטער
דינען קוים אין וואָגל־גאַנג.

קרעכצט אַ קינד אויף שויס פון מוטער
דריקט צו שטייף זיך צו איר ברוסט:
לויערט דאָרט ניט אַ ניט גוטער
אונטער גליווערדיקן קוסט?

טויזנטערערלײ געפֿאַרן
זוכן אונדז אויף לאַנגן שליאַך;
יעדער פֿונק ער טוט דאָך נאַרן,
און מען דאַרף זײַן זײער וואַך.

וויסטע בילדער — טויט און פֿײַער,
אַ פֿאַרגאַנגענהייט אין בלוט,
טרײַבן צו אַ וועלט אַ נײַער
פֿול מיט האָפֿענונג און מוט!

כ'וואָלט געוואָלט אַ מאָל דערוואַכן

כ'וואָלט געוואָלט אַ מאָל דערוואַכן
פון מײַן שלאָף און ניט געדענקען
וואָס פאַרזייט אויף קרומע שליאַכן,
וואָס איך האָב געטאָן צעשענקען.

ניט געדענקען כ'זאָל די בילדער
וואָס פאַרפאָלגן מיך און שרעקן,
ס'זאָלן פון דער שחיטה ווילדער
די זכרונות מיך ניט וועקן.

ס'זאָלן פאַרבן רויטע, גראָע,
ניט דערמאָנען מיר די ווונדן,
מײַנע טויטע, די נישט־דאָע,
וואָס כ'בין אַלץ מיט זיי געבונדן.

כ'וואָלט געוואָלט אַ מאָל דערוואַכן
מיט באַפרײַטן הארץ פון ווייען,
און כ'זאָל קענען ווידער לאַכן,
און זיך מיטן לעבן פרייען!

געדאַנקען

די קוקסט אַרויף

(מײַן באַליבטן דיכטער ה. לייוויק)

די קוקסט נאָך אַלץ אַרויף צו שטערן,
צום ווײַטן, ניט אַנדעקטן וועג,
די זוכסט נאָך אַלץ אין קוואַל פון טרערן
דעם זוים פון אַ געווינטשטן ברעג.

דער קאָפּ איז ווײַס, דער גוף פאַרמאַטערט,
דאָך מעכטיק, יונג איז דײַנס אַ ליד,
וואָס יעדעס וואָרט באַפליגלט, פלאַטערט
און ס׳גלויבט זיך קוים אַז די ביסט מיד,

ווײַל דענקסט נאָך אַלץ, אַז גאָט — אין מענטשן
לעבט פאַרבאָרגן, לעבט פאַרשטעלט,
ווײַל פרייד געפינסט נאָך אַלץ אין בענטשן,
דעם פונק אין זינקענדיקער וועלט.

וואָרט און בשורה

אין מינוט געבענטשטער און באַשערטער
צעשטאַמלט זיך עקשנותדיק אַ שורה;
צעשראָקענע, געבאָרענע אין ווייען ווערטער
אַנטפּלעקן שטיל אַ צאַפּלדיקע בשורה.

פון יעדן ווינקל באַהאַלטענעם אין שאָטן
זיי שאַרן זיך אַרויס אומזיכערע, אין ציטער,
וואָרט מיט וואָרט צונויפגעקנאָטן
ווי שאָף פאַרבלאָנקעטע אין אַ געוויטער.

דאָס וואָרט, וואָס טראָגט די פרייד פון זײַן געבאָרן
ניט צײַטיק נאָך, אין גאַנצקייט קוים פאַרענדיקט,
פאַרמאָגט דאָך רייץ פון גרין־צעוויגטן קאָרן
וואָס אין גיכן וועט ער זײַן צעבעלנדיקט.

די בשורה איז ניט שטענדיק — לויטערקייט און בליִונג,
צעהעלטע זון און צאַרט־צעבלויטע רוימען,
ניט שטענדיק ברענגט זי צוזאָג און באַמיִונג
צו פאַרוואַנדלען גראָע וואָר אין העלע טרוימען.

צוזאַמען מיט אַ גרוס פון רייף־צעוויגטע זאַנגען,
פון פרילינג־טעג, גינגאָלדענע און העלע,
ברענגט די בשורה טרוקן־הייזעריקע קלאַנגען
פון צוויט פאַרוועלקטן און פון גראָזן געלע,

פון גליק און פרייד, פון עלנט און פון ליידן,
צעכוואַליעטן געלעכטער, פֿאַלנדיקע טרערן;
עס איז אוממעגלעך אָפּט צו אונטערשיידן
צי ס׳וויינט די ערד אָדער עס לאַכן שטערן.

אין כּישופֿדיקן קרײַז אַרום אונדז צעווימלט,
צעיובלט און צעוויינט אין שורה נאָך אַ שורה,
באַזונדער און בײַנאַנד דאָס וואָרט ניט דרימלט,
שטאַמלענדיק און שטורעמדיק עס ברענגט מיט זיך אַ בשורה.

אין שפּעטע בײַנאַכטן

אין מיסטישע, שטילע בײַנאַכטן גאָר שפּעט,
געזויבערט עס ווערט יעדעס וואָרט — אַ געבעט,
און אַלץ וואָס מיט טעגלעכער גראָקייט ז׳געבונדן
ווערט פּלוצעם אַנטרונען, אין פינצטער פאַרשוווּנדן.

די שטילקייט צעזינגט זיך מיט האָפענונג, טרייסט,
ס׳ווערט יעדע קליינלעכע זאָרג אויפגעלייזט.
דער האַס דרימלט אײַן, געשטילט ווערט דער צאָרן,
ס׳אַנטפּלעקט זיך דער גם פון נײַעם געבאָרן.

כ׳דערפיל אַ באַריר אויף מײַן פּנים און הענט
פון שאָטן וואָס קריכט אַרום אויף די ווענט,
און ס׳דוכט זיך מיר — גאָט, אין דעם שאָטן-געשימער
האָט אַראָפּגענידערט געהיים אין מײַן צימער.

פון פינצטערע ווינקלען דערגרייכט מיך אַ קול
און דער אָפּקלאַנג פון ווערטער געהערטע אַ מאָל,
יעדעס וואָרט מיט זײַן צוזאָג דערפרייט די געפילן,
אַ פינקל מיר טוט מיט באַשייד, מיט גאָר שטילן.

זיי דערציילן פון מענטש, זײַן אָפּשטאַם, זײַן שטאַנד,
זײַן פּלאַץ אין באַשאַף וואָס מיט חכמה, פאַרשטאַנד
ער איז אויף צעפייניקטער ערד אַ באַנײַער,
ווו הערשן עס וועט ניט די שווערד און דאָס פײַער.

וואָס קנעט און וואָס פורעמט אַ גליקלעכע וועלט
וועלכע וועט זײַן נאָר אויף יושר געשטעלט,
צו בענטשן די זון און צעפינקלטע שטערן
וואָס לויכטן אָן אויסנאָם פאַר אַלעמען גערן.

פאַרכּישופט איך ליג צוגעשמידט צו מײַן אָרט,
און כ׳זוך פאַר מײַן קלערן דאָס פּאַסיקע וואָרט,
נאָר ליפּן פאַרשטומטע בלויז צאַפּלען און צוקן,
די צונג ווי געשוואָלן און שטײַף איז מײַן רוקן.

איך עפן די אויגן — דער טאָג איז אַ גרויער,
פאַרחושכט, פאַרנעפּלט, פאַרזונקען אין טרויער,
די טראָפּן וואָס פאַלן פון הימל ווי טרערן
באַוויינען מײַן חלום פון מענטש און פון שטערן.

דער כוח פון וואָרט

איך קלייַב צוזאַמען ווערטער אויסגעמעקטע
פון שריפטן אָנגעזאַמלטע אין פיל, פיל יאָרן,
ווי פריַינד פאַרגעסענע און צופעליק אַנטדעקטע
זיי ווערן לעבעדיק צוריק, אויף ס'נייַ געבאָרן.

ווי טיילן פון אַ רייַך בכבודיק פאַרמעגן
איז יעדעס וואָרט פון אַ פילצווייַגיקער משפחה;
ס'באַזיצט די פרייד פון גרוס, דעם טרויער פון געזעגן,
דעם צאָרן פון אַ קללה, די העלקייט פון אַ ברכה.

אין כתב צעפּערלט, אין דרשה-בלענדנדיק-דערהויבן,
אייַפעריק געשליפן מיט געפיל און וויסן,
קען עס וועקן שטאָלץ, חרטה, בושה, גלויבן
און עפענען די ריגלען פון אַ פאַרקלעמט געוויסן.

געניט, מיט שווונג, ביז רייַפקייט אויסגעטראָגן
צעבלאָזן צו אַ גרויסן ליכט ס'קען טויטע פונקען,
ספק ווי אַ וואָלקן פון דער ברוסט פאַריאָגן,
אויפמונטערן נשמות אין פינצטערניש פאַרזונקען.

אייַנגעפאַסט אין שיינקייט — אַ געשאַנק פול צויבער
קען זייַן אַ וואָרט, און גרוים עס איז זייַן ראָלע,
ווען עס שפּריצט מיט סם ס'קען אַ געפאַר זייַן פאַר דעם גלויבער,
פון אַ ברכה זיך פאַרוואַנדלען קען עס אין אַ קללה...

פֿאָרזיכטיק איך קלײַב די װערטער אױסגעמעקטע
װי פֿרײַנד פֿאַרלאָרענע װאָס כ'האָב אױף ס'נײַ געפֿינען
און פֿון די געפֿילן און געדאַנקען די דערװעקטע
געבאָרן װערט אַ יונג-צעשמײכלטער באַגינען.

אין שטילקייט ווערט אַ ליד געבאָרן

די שטילקייט רעדט אויף שטום-לשון, אָן ווערטער,
דאָך איבערצייגנדיק אין איר פאַרשטעלט גערייד,
איר טרויער אין באַשיידנקייט איז עכטער,
ניט טומלדיק, אויך אומגעשטערט איר פרייד.

עס ווערן לעבעדיק אין שטילקייט טויטע זאַכן,
אין כּישוף-פאַרבן ווערן זיי באַפּוצט, באַקליידט,
נענטער און פאַרשטענדלעכער פון אַלע שפּראַכן
איז די וווּנדער-שפּראַך פאַרהוילן אין באַשייד.

ווען די ווינקלען ווערן פול מיט בענקשאַפט-תּפילה.
רײַפט דער געדאַנק און זיך צעבליט,
און פון אַלע ווערטער ניט דערזאָגטע, שטילע,
געבאָרן ווערט נגינה און אַ ליד.

עס ברעכן אײַן זיך דעמאָלט אַלע צוימען,
פון גלות אויסגעלייזט צעקוועלט זיך פרײַ דאָס וואָרט,
צונויפגעפלאָכטן ווערן וואָר און טרוימען,
געאייניקטע, ביינאַנד, געפּאָרט.

די שטילקייט פיבערט אויף מיט בראשית פון אַ שורה,
צעשטורעמט פלאַטערט אויף געפיל אין אַ צעוויג,
באַפרייטער גײַסט צעזינגט זיך דאַן מיט גבורה,
און ווען ס׳געשעט
איז דאָס דעם דיכטערס שענסטער זיג.

אַלץ איז אין צווייען

ס׳איז די בלום פֿאַרקנסט פֿון אייביק מיטן דאָרן.
עס פֿאַרשאַפֿט די בלום הנאָה און דאָס שטענגל — צאָרן,
זי איר דופֿט צעשענקט און דאָס שטענגל,
שטעכן
יענעם טוט ווער ס׳וויל די רויז אָפּברעכן.

צווישן פֿרייד און טרויער ז׳אויך אַ בונד פֿאַראַנען.
פֿרייד מאַכט זיס דאָס לעבן און דער טרויער — וויאַנען.
נאָך דעם ערשטן ניט פֿאַרזאַמט דער צווייטער,
איינער איז דעם צווייטנס שטענדיקער באַגלייטער.

האָסטו נחת און דערפֿאָלג גענאָסן,
מישן באַלד זיך צו אויך די פֿאַרדראָסן.
איינער מאַכט דאָס לעבן בלענדיק און געראָטן,
ווערט עס אויסגעלאַכט פֿון צווייטן און צעטראָטן.
האָט מען רום דערגרייכט און שפֿע איז אין שײַער,
קומט אַ צרה, פֿרעסט אַלץ אויף דאָס פֿײַער.
געבורט און טויט
זענען געפּאָרט אין לעבן,
רײַכטום מיט נויט,
אמת מיטן שקר גייט דערנעבן,
חכמה מיט אומוויסן,
שיינקייט מיטן מיאוסן,
באַשיידנקייט מיט גאווה, גיהנום מיט גן־עדן,
אויף דער ערד איז פּלאַץ פֿאַראַן פֿאַר ביידן.

און ס'בלאָנדזשעט אין דער וועלט
אַ צעטומלטער, פֿאַרווירטער,
דער מענטש, — אין ספק
מיט שאָטן אַ באַצירטער.

צײַט און מענטש

ווי געפינט מען אַ מיטל די צײַט צו פֿאַרהאַלטן,
צוימען איר אומפּעטיק-ווילדן געיאָג?
מיר זאָלן פֿון רגעם דעם אָטעם צעשפּאַלטן
און לענגער צו מאַכן די נאַכט און דעם טאָג?

די צײַט איז דאָך אייביק, אייביק איר דויער,
זי האָט ניט קיין אָנהויב און ניט קיין סוף.
אָן אָפּשטעל אין פֿרייד, אָן אָפּשטעל אין טרויער,
אָן רו ווען דו וואַכסט, אָן רו אויך אין שלאָף.

דער מענטש ווי אַ קנעכט איז צו איר צוגעבונדן,
אַזוי ווי מיט קייטן צו איר צוגעשמידט,
זיך באַפֿרייען פֿון איר מיינט אויף אייביק פֿאַרשווּנדן,
אויף אייביק פֿאַרהאַלטן די אייגענע טריט.

כאָטש גרייכן באַמיט ער זיך שוין די פּלאַנעטן,
כאָטש געשליפֿענער איז שוין פֿיל מער זײַן פֿאַרשטאַנד,
דאָך מיט דער צײַט אין שטרײַט זיך פֿאַרוועטן
און זי צו באַזיגן — ער איז ניט אין שטאַנד.

פֿאַרסאַפּעט ער לויפֿט אָן אַן אָטעם דעריבער,
זומער און ווינטער פֿון אומרו צעגליט,
אַזוי ווי אַ קראַנקער אין גלײַיקן פֿיבער —
ניט פֿאַרלוירן, חלילה, זאָלן גיין זײַנע טריט.

און איין מאָל וועט בלײַבן ער שטיין אַ פֿאַרשמײַטער,
דער קרייז אַרום אים וועט זיך שליסן. אַ סוף.
די צײַט וועט זיך יאָגן אַן אײַליקע ווײַטער,
און ער וועט פֿאַרזינקען אין אייביקן שלאָף.

פרייד און טרויער

פרייד און טרויער — אומצעשיידטע
גייען שטענדיק זײַט בײַ זײַט,
טוט די פרייד זיך אַ צעפינקל,
אײַלט דער טרויער צום פאַרבײַט.

ווען אין העלקייט, מיט אַ שמייכל
הייבט זיך אָן די מאָרגן־שעה,
בין איך זיכער, אויף מײַן וויִע
איז שוין אַ טרערל דאָ.

אויב דערפאַלג טוט מיר אין וועג זיך
אַ צעבליץ מיט העלער שײַן,
הויערט שוין אויך די אַנטוישונג
מיט איר נאָגנדיקן פּײַן.

אויב וויל איך די פרייד געניסן,
מוז איך זײַן פאַר טרויער גרייט, —
ביידע גייען זיי צוזאַמען,
קיין מאָל ניט צעשיידט.

איך בענק נאָך אַ וואָרט

איך בענק נאָך אַ וואָרט וואָס איז שטאַרקער פון ווינט,
וואָס וועקט דאָס געוויסן און מילדערט די וווּנדן,
וואָס צערטלט דעם טרוים פון אומשולדיקן קינד
און לאָזט ניט דעם חלום אין רײַפקייט פאַרשווינדן.

איך בענק נאָך אַ טאַט וואָס איז שטילער פון שטיל,
דאָך שײַנט זי העלער פון טויזנטער ליכטער,
זי שטאַמט פון דעם איידלסטן מענטשנס געפיל
און שאַפט און באַפליגלט דאָס ליד פון אַ דיכטער.

איך בענק נאָך אַ וועג, וואָס פאַרביק און לאַנג
פריילעך זיך ציט ביז די אייביקייט־ראַנדן,
אויף וועלכע מײַן גוף ניט געבויגן אין גאַנג
זאָל דערגרייכן, אָן מורא צו לאַנדן!

איך וואַג

איך בין בלויז אַ זעמדל אויף די וועגן,
געשלײַדערט פון ווינטן בײַטאָג און בײַנאַכט,
ווי וואַג איך צו שטעלן זיך ווינטן אַנטקעגן,
וואָס איז דען מײַן מאַכט?

איך בין בלויז אַ ליכטל אַ שוואַכס וואָס טוט צאַנקען,
אַן אָפּשײַן כ׳בין בלויז פון געטלעכן ליכט,
ווי וואַג איך, ווי קומט מיר גאָר אין די געדאַנקען
גאָט צו דערזען אין געזיכט?

אַ פײַנלעכער עכאָ פון שמערצלעכע קלאַנגען,
אַן אות בין איך בלויז פון צעפּײַניקטן ליד,
ווי וואַג איך צו זאַמלען אין זיך די פאַרלאַנגען
נאָך זוניקער פרייד און צעשטראַלטן געמיט?

איך בין בלויז דער לץ אין שפּיל פון פאַרמעסטן,
וואָס גייט דורך אַ לעבן מיט חוזק און שפּאָט,
ווי וואַג איך צו טרוימען פון שענסטן און בעסטן?
איך וואַג, ווײַל איך בין דאָך אַן אָפּבילד פון גאָט!...

אויב לעבן מיינט

אויב לעבן מיינט — אַנטווישונגען און פריידן,
זיגזאַגיק־קרומע ווי אויך גלײַכע וועגן,
האָב איך געלעבט, ווײַל גענאָסן כ׳האָב פון ביידן,
פון טרויער און פון פרייד געקוּמענע אַנטקעגן,
פון נעכט אומרויִקע, באַוועלטיקטע פון צאָרן,
ווען אַלץ אַרום ז׳געלעגן אין רויִנען,
פון טעג ווען כ׳האָב געבענטשט דעם נס פון געבאָרן,
ווײַל נאָך דער חשכות העלט אויף אַ באַגינען.

אויב לעבן מיינט — פון ספק און חרטה
באַהערשט צו זײַן, ביז איבלקייט געזעטיקט,
און דערפילן פּלוצעם: נײַע כּחות האָבן אויפגעזאָטן
און פאַרשטיין: — מען האָט נאָך ניט פאַרשפּעטיקט...
האָב איך געלעבט, געקענט אי שוואַכקייטן אי ביטחון,
געוואַקלט אין סכּנה און אויך דרייסט געווען,
ווען בײַגעשטאַנען, ווען מיך אײַנגעבראָכן —
דאָס אַלץ פאַרצווײַגט איז דאָך אין מענטשן־וועזן.

אויב לעבן מיינט — אין פינצטערניש צו זוכן
און מיט יעדן מינדסטן שטראַל זיך פרייען,
מיט זון־פאַרגאַנג און מיט די צוויט־געררוכן
ווען אין צוויט דיביימער אויסגעפּוצטע שטייען,
האָב איך געלעבט, — געזוכט, אָפט אויך געפונען,
געפינצטערט אָפט און אויך געליכטיקט,
און די נאַטור מיט טויִקן באַגינען
האָט מיך געכּשרט און געציכטיקט.

אויב לעבן מיינט... וואָס מיינט עס, כ׳בין ניט זיכער —
לייד און פרייד, אַנטוישונגען, אויך שטרעבן,
דעם ענטפער לערנען קען מען ניט פון ביכער,
נאָר פונעם עכטן, אַטעמדיקן לעבן!

כ׳האָב פרייד געזוכט

כ׳האָב יעדן קרעכץ אין זיך געוואָרגן,
פאַר פרעמדן אויער בלײַבן ניט דערהערט
מײַן ווייטיק זאָל, מײַן טרויער טיף פאַרבאָרגן
כאָטש ער האָט מיך געבויגן צו דער ערד.

באַהאַלטן כ׳האָב פון פרעמדן אויג די טרערן,
צונויפגעפרעסט איך האָב די ליפּן שטום
ווען מיר פלעג אומדערטרעגלעך ווערן
די וואָכעדיקע גראָקייט פון אַרום.

נאָך אַ שמייכל כ׳האָב געבענקט, אַ שטילן,
וואָס אַ שײַן ער אַרום זיך פאַרשפּרייט,
וואָס אויפוועקן ער זאָל מײַנע געפילן
פאַר דער פאַראַנענדיקער פרייד.

ניט קיין שמייכל נאָר אַ שווײַגן,
אַ שווייגן שווערער פון גראַניט
האָט גענומען אָנוואַקסן און שטײַגן
און זיך לייגן דריקנדיק אויף מײַן געמיט.

נאָר כ׳האָב דעם אומעט טיף באַהאַלטן
פון יעדן אויג, אַרומגעגאַנגען מיט
אַ פּנים מיט אַ ברייט־צעשטראַלטן,
ניט אָנשטויסן מײַן צושטאַנד זאָל זיך קיינער ניט...

נאָר די צייט דערווײַל איז ניט געשטאַנען,
און ניט באַמערקט האָב איך אַליין
אַז מיין יוגנט האָט גענומען וויאַנען
און אָפּטאָן זיך דער יוגנט-חן.

איך זוך די טעג

איך זוך די טעג אין טרוימעריי פֿאַרבראַכטע,
דעם טרוים אין יונגע אויגן און פֿאַרטראַכטע,
איך זוך די ווערטן וואָס דערגרייכן כ׳האָב געשוואָרן,
און אַ שאָטן בלויז געפֿין איך אין זכרון.

איך זוך די ווערטער וואָס געקלינגען ווי אַ תפילה,
גלויביקע, אויפֿריכטיקע און ערנסט-שטילע,
מיט פֿרייד צעזינגענער און שמחהדיק-צעברומטע,
נאָר די עכאָס זייערע זײַנען פֿון לאַנג פֿאַרשטומטע.

כ׳האָב אויף וויסטע שטרעקעס, אין די פֿרעמדע שטויבן
האָפֿנונגען צעזייט און יונגן גלויבן,
זיי צעזייט אין די סיבירער שנייען,
אין טומלענדיקע שטעט, אויף שטיינערנע שאָסייען.

און געבראַכט אין האַרץ כ׳האָב אויך די גרוילן
וואָס דערקענט עס האָט מײַן פֿאָלק אין פּוילן,
ווו פֿון אַלץ איז אַש און שטויב געוואָרן
און פֿאַרבליבן ז׳בלויז אַן איינזאַם טליִענדיקער דאָרן.

שטעט און לענדער — כ׳וועל זיי ניט פֿאַרגעסן,
ווו די בענקשאַפֿט האָט מײַן מוט צעפֿרעסן,
ווו צעזייטע יאָרן ליגן ווי אין אָסיען-וועטער
פֿאַרוועלקטע אָפּגעבליאַקעוועט-געלע בלעטער.

כ׳באַמי זיך ניט הערן

כ׳באַמי זיך ניט הערן דאָס ווידערקול פון די געשרייען,
וואָס טראָגט זיך נאָך אום אין דער לופט ביז אַהער;
איך שלעפּער איין אין זיך אַלע טרויערן, ווייען,
און דערשטיק אין איר אָנהויב אין זיך יעדע טרער.

אומזיסט דאָס געקלאָג, דאָס געוויין און באַדויער,
נאָך דעם וואָס ס׳האָבן תּהומען פאַרשלונגען;
דורך רייצן די ווונדן און מאַכן זיי רויער
דאָס פאַרשוווּנדענע ברענגען צוריק — ט׳ניט געלונגען.

דאָך איין מאָל אין יאָר ווען די זון נעמט שײַנען,
און די ערד טוט זיך אָן אין פאַרביקע קליידער,
ווערן לעבעדיק אַלע פאַרגעסענע פּײַנען,
יאָר אויס און יאָר איין געשעט עס, כּסדר!...

אַלע ווערטער פון טרייסט פאַרשווּונדן פון לשון,
און ווייטיקדיק צאַפּלט דאָס האַרץ ווי אין קלעמער,
אין הימל ווערט פּלוצעם דאָס ליכט אויסגעלאָשן,
פאַרשאָטנט דער גאַנצער אַרום, ווי אין דעמער...

אַן אומעט באַהערשט מיך און אויך מײַנע לידער
ווערן טרויעריק־שטיל, פול מיט אומרו און פיבער,
ווייל כ׳דערזע מײַנע שוועסטער, כ׳דערזע מײַנע ברידער,
צעשאָסן, פאַרברענט און געשלײַדערט אין גריבער.

דער כוח פון געדענקשאַפט

וואָס איז דער כוח פון מענטשנס געדענקשאַפט?
זי שרײַבט און פאַרצייכנט אין משך פון לעבן
מיט קלאָרקייט גענויער, באַהאַלטענער בענקשאַפט
אַלץ וואָס די צײַט האָט פאַרצערט און געגעבן.

יעדע זוניקע פרייד, יעדן שטורעם און רעגן
ברענגט זי צוריק און לאָזט ניט פאַרגעסן,
יעדעס וואָרט, יעדן גרוס, יעדע טרער פון געזעגן,
אַלץ וואָס געבליט, וואָס פאַרוויאַנעט אינדעסן.

אַלץ וואָס געשען דיר אין וואַנדער אויף וועגן,
געשראָקן מיט שווארצקייט, געשײַנט אַזוי בלענדיק,
וואָס געטאָן דיך דערהויבן און לאָקן און רעגן,
באַהאַלט די געדענקשאַפט מיט זאָרג און אויף שטענדיק.

יעדע זאַך ווערט אַ וועלט מיט איר אייגענעם לשון,
יעדעס וואָרט מיט געפיל ווערט געשמידט און געבונדן,
פאַרשטעלטע, פאַרקליידטע, דאָך קיין מאָל פאַרלאָשן,
זיי וואַרטן, אין שטילקייט זיי ווערן פאַרשוווּנדן.

ס׳געלינגט דעם זיכּרון אין שווײַגן פאַרוויגן,
דאָך פּלוצעם צעזינגט זיך אין אונדז די געדענקשאַפט
מיט שטילער דערמאָנונג, באַשיידענעם ניגון,
מיט טענער פון טרויער, באַהאַלטענער בענקשאַפט.

דער שומר פון נעכטן, פון הײַנט און פון מאָרגן
צעעפנט די ריגלען אין אונדזער זיכרון
און באַפרייט מיט אַ מאָל אַלץ וואָס דאָרט איז פאַרבאָרגן,
דאָס געפעק אָנגעזאַמלטס אין משך פון יאָרן.

פֿאַראייביקטע מינוט

דו בלאָנדזשעסט פֿאַרצווייפֿלט אויף פֿינצטערע וועגן
אומבאַהאָלפֿן, באַהערשט אויך פֿון שרעק,
פֿלוצעם אַ ליכט טוט אַ בלענד דיר אַנטקעגן,
דײַן האָפֿענונג וועקט, דאָס ליכט ווערט דײַן צוועק.

בטחון דו קריגסט, די שפּאַנונג ז׳געבויגן,
די אָפּשײַן דערוואַרעמט פֿאַרגליווערטן מוט,
און שפּאַנסט אין דער פֿינצטער מיט וואַכיקע אויגן —
דאָס געשעט אין אַ שטילער, צעשטראַלטער מינוט!

☆

דו זוכסט אָפּט דעם אמת אין משך פֿון לעבן,
ער כשופֿט דיך, לאָקט מיט באַהאַלטענער פּראַכט,
און ווען מיד און אַנטוישט ביסט גרייט אים אויפֿגעבן
באַווײַזט ער זיך פֿלוצעם אין שלאָפֿלאָזער נאַכט.

אין שטילקייט פֿון נאַכט צי אין שעה פֿון באַגינען
אַ פֿינקל מיט אײַנפֿאַכער שיינקייט ער טוט,
און לויטער עס ווערט דאָס האַרץ און דער זינען —
דאָס געשעט אין אַ כשוף־אַנטפּלעקונג־מינוט!

☆

דו האַלטסט דײַן געװיסן פֿאַרשפּאַרט אונטער שלעסער,
באַגרענעצט, אָן לופֿט, אָפּגעזונדערט פֿון ליכט,
באַטראַכסט זיך — אַ יחסן, פֿון אַנדערע בעסער,
און זעסט ניט װי מיאוס ס׳איז דײַן אייגן געזיכט.
דאָך קומט אָן אַ שטורעם, ברעכט שלעסער און זאָכן,
דײַן געװיסן באַפֿרייט װאָס האָט יאָרן גערוט,
און העלפֿט דיר באַגרײַפֿן, העלפֿט דיר דערװאַכן —
דאָס געשעט אין אַ געטלעך־געבענטשטער מינוט!

☆

דו באַמיסט זיך גאַנץ אָפֿט דײַנע פֿליכטן דערפֿילן
פֿאַרן װוילזײַן פֿון מענטש, דו שענקסט דײַן פֿאַרשטאַנד,
דײַן װיסן דער װעלט און די ריינסטע געפֿילן,
אָבער פֿאַרשטויסן דו בלײַבסט, אומבאַקאַנט.
דאָך טרעפֿט אָפֿט אַ נס, עס קומט די דערפֿילטקייט,
מען באַגעגנט דיך מיט אַ כבוד־סאַלוט,
באַערט װערט דײַן נאָמען אין רגע פֿון שטילקייט —
דאָס געשעט אין אַ גרויסער גערעכטער מינוט!

☆

דער דויער פֿון צײַט װערט געמאָסטן מיט יאָרן,
דאָך װיכטיק אין לעבן איז אָפֿט איין מינוט,
אין איין רגע װערט לעבן צעשטערט און געבאָרן,
אין אַ רגע קען „שלעכט“ זיך פֿאַרװאַנדלען אין „גוט“
אָפֿט װערן אין גאַנג פֿאַרשװענדט פֿיל יאָרן
שנעל, אָן אַ שפּור, אומבאַמערקט, בײַ דער זײַט,
און פֿאַרקערט איין מינוט פֿאַרבלײַבט אין זיכרון,
פֿאַראייביקט זי װערט מיט איר גרויסן באַטײַט!

ליריק

דער כישוף פון געפיל

כ׳האָב לאַנג שוין אויפגעהערט ציילן מײַנע יאָרן,
ווי אויך צו פײַערן דעם טאָג פון מײַן געבאָרן,
כ׳האָב דורכגעמאַכט אויף וועגן פיל גילגולים
און געלערנט אָפּצושיידן וואָר פון חלום,
מיט קאַלטן שכל האָב איך זיך באַוואָרנט
זעלטן כ׳ווער באַגײַסטערט, זעלטענער דערצאָרנט.

דאָך געשעט, איך ווער אויף ס׳ניי געבאָרן,
ווען געדאַנקען אָנגעזאַמלטע פאַר פילע יאָרן
זיך באַהעפטן מיט געפיל — ניט גייען זיך באַזונדער —
און אַלצדינג אַרום מיר ווערט פול מיט ווונדער!
ס׳געשעט, אַ מאָל אין פרישע, טויִקע פאַרטאָגן,
ווען יעדעס וועזן, אין זײַן שפּראַך,
באַמיט זיך עפּעס זאָגן,
ווען רוימען שימערן מיט פרייד און פאַרכן,
און טיפער ווערט דער סוד פון לעבן
און פון שטאַרבן,

אָדער גאָר אין שטילע, לויטערע פאַרנאַכטן
ווען אומגעשטערט מען קען דעם הימלוועג באַטראַכטן —
די לבנה מיט איר מילד-צעלאַכטן פּנים,
די שטערן וואָס באַוועגן זיך ווי הויפּט-יחסנים,
ווען איך זע אַ בלום אין פרעכטיקער צעבליונג,
אַ גרעזל אײַנגעשפּאַרט אין זײַן וואַקסן-באַמיונג,
די ערד וואָס מידט זיך שפּײַז געבערן,
די שפע אין נאַטור, וואָס הערט ניט אויף זיך מערן,

ווען איך הער דעם קוויטש פון נײַ־געבאָרן לעבן —
אַ סימפאָניע פון צעלן, בלוט, געוועבן,
ווען איך דערפיל צוויי הענטלעך
אויף מיין האַלדז און נאַקן,
און אַ קינדעריש זיסן קוש אויף מײַנע באַקן,

ס׳געשעט...
און ווען ס׳געשעט ווער פול איך מיט נגינה.
ס׳הויבן אָן זיך שפּינען פּעדעם צאַרטע, דינע,
ניט געבונדענע מיטן געדאַנק, נאָר מיט געפילן,
און יוגנט־זאַפטן נעמען אין מײַן הארצן שפּילן.

ווּנדער מען זוכט

ווּנדער מען זוכט אין די אויבערשטע ספערן
ווען מיט זיי איז געבענטשט די ערד, דער אָרום;
מען דאַרף זיי נאָר קענען באַמערקן, דערהערן
אין קלענסטן באַשאַף, אין אַ צווייגל, אַ בלום...

דאָס ליכט וואָס צעפּליסט זיך אין יונגע פאַרטאָגן,
דער פלאַטער, ס'געזאַנג פון דערוואַכטער נאַטור,
די וועלדער, די בערג וויפל ווּנדער פאַרמאָגן,
פון נסים און מיסטישער שיינקייט אַ שפּור...

אַ וואָרצל, אַ גרעזל וואָס פונעם שאָטן
רייסט זיך צו ליכט און צו לעבן מיט קראַפט,
דעם ווּנדער פאַרמאָגט פון באַשעפערס געבאָטן
און זויגט זיך אָן מיט באַלעבנדן זאַפט...

די קעמערלעך קליינע, דאָס בלוט, די געוועבן,
אַלץ וואָס באַוועגט זיך און ז'פול מיט באַטייט,
זיין סוד און זיין פראַכט איז אין בלי און אין שוועבן,
איז ווּנדער וואָס ווערט ניט געעלטערט פון צייט...

די קרוין פון באַשאַף, דער מענטש און זיין יחוס
וואָס צו די גרעסטע ווּנדער געהער
וואָס אויף דער ערד האָט אַ ציל און אַ שליחות
דאָס ווערק פון באַשאַפער דערגאַנצן טוט ער...

עס זײַנען פֿון גאָט אַ געשריבענע שורה
די װוּנדער פֿאַרבאָרגן אין אונדז און אַרום,
אין גאָלדענער שקיעה ליגט געטלעכע בשורה
און אין שמייכל פֿון קינד װאָס איז תמימותדיק, פֿרום.

די װוּנדערס ניט זוכט אין די אױבערשטע ספֿערן,
עס אָטעמט מיט זײ יעדער אָנהױב און בלי,
בלױז די חושים באַפֿרײַען
און מיר װעלן דערהערן,
דערזען, זײ געפֿונען אַרום, אָן שום מי...

דערוואַרכטער נאַטור

אַ ווינטל אַ וואַרעמס האָט בלאָזן גענומען,
עס וועקט זיך די ערד פון אײַזיקע קלעמען,
נאָך דרימל לאַנגן טוט זי דערוואַכן,
און ס׳באַווײַזן זיך ווערעמלעך אויף אירע פלאַכן;

אַפילו די כמאַרעס — די בלײַענע, אַלטע,
געלײַטערטע ווערן אין הייכן צעשטראַלטע.
פול ווערט די לופט מיט פאַרכישופטע טענער,
פאַרבן צעבליִען זיך לוסטיקער, שענער.

דער מענטש פון אַלטעגלעכער זאָרג אַ באַפרייטער
פון לעבן דערוועקטן ווערט האָפנונגספול, הײַטער.
די שטימונג ווערט לײַכטער, געמיטער מילדער.
די באַנייטע נאַטור שטעלט אוים אירע בילדער.

די זון האָט די וואָלקנס

די זון האָט די וואָלקנס געטאָן אַ צעשפּאַלט,
זיי דורכגעשפּיזט און די וועלט ז׳האָט באַשטראַלט,
באַזילבערט די טײַכן, דערוואַרעמט די ערד,
און בלויז אויף אַ רגע דעם קומער צעשטערט.
אַ שמייכל געטאָן, אַ שפּרונג און אַ טאַנץ,
מײַן שטערן געגלעט מיט אַ שטראַלן־קראַנץ,
מײַנע ליפּן געקושט מיט אַ הייסן באַריר,
און באַפאַרבט מײַן געזיכט מיט אַ כּישוף־קאָליר.
בלויז איין און איינציקע קורצע מינוט —
יונג זיך צעטאַנצט אין מײַן גוף ס׳האָט דאָס בלוט,
נאָר פּלוצעם, נאָך לוסטיקער, קינדערשער שפּיל,
אַ וואָלקן טוט ווידער די זון אַ פאַרהיל...
אין שאָטן אַריין זײַנען מײַנע פיר ווענט,
נאָר ס׳איז פאַרבליבן ביי מיר אין די הענט
די וואַרעמקייט אירע, די שײַן וואָס אונדז העלט
אויך ווען פון וואָלקנס זי איז שוין פאַרשטעלט.

עס שרעקט מיך ניט

עס שרעקט מיך ניט דער וועג פון אַלע סופן,
צו אים איך גיי אַ רויִקע און מיט פאַרשטאַנד,
עס שרעקט מיך בלויז צו זײַן פון אומבאַהאָלפנקייט געטראָפן
ווי ס׳טרעפט ווען דו דערגרייכסט דעם לעבנס־ראַנד.

ס׳איז טרויעריק אַ לאַסט צו ווערן אויף דער עלטער
פאַר קינדער אייגענע, פאַר פרײַנד און דעם אַרום,
און פילן ווי דאָס בלוט אין אָדערן ווערט קעלטער,
און געפילן און פאַרלאַנגען ווערן שטום.

ס׳איז טרויעריק דעם גוף צו זען אַ רויִנירטן,
אַ שברי כלי און וויסן: ס׳איז דער שלום,
און זײַן געצוווּנגען אויסצומײַדן און פאַרציכטן
אויף אַלץ וואָס איז געוווינהײַט און גענוס.

עס שרעקט מיך ניט דער סוף פון אַלע סופן
נאָר וואָס איך בעט בײַם גורל איז: צום סוף פון גאַנג,
מיך מיט אָנמאַכט זאָל ער ניט באַשטראָפן,
און לאָזן מיר די קלאָרקייט פון די חושים און געדאַנק.

מײַן תפילה איז װאָכעדיק פּשוט

מײַן תפילה איז אָרעם אין װערטער, אין קלאַנגען,
מײַן תפילה איז װאָכעדיק פּשוט און שטיל,
זי װערט ניט באַגלײט מיט פּראַכט פון געזאַנגען,
טרויעריק־ערנסט איז זי, פול מיט געפיל.

זי שטאַמט ניט פון די ספרים, פון ײדישן יחוס,
איר אינהאַלט איז אײנפאַך, איר מוסר איז שװאַך,
זי טראָגט ניט די פלאַמען אין זיך פון שליחות, —
אַ ציטער פון האַרץ בלויז אין פּשוטער שפּראַך.

זי דויערט אַ רגע אין יונגע פאַרטאָגן.
בלויז פון די ליפּן אַ צאַפּל איז זי,
איך האָף ס'זאָל מײַן תפילה צו „דיר" זיך דערטראָגן,
מיט דעם צאַפּל פון קאָרן און בלומען אין בלי.

איך בעט ניט צו פיל פאַר די נאָענטע, ליבע
און אויך פאַר מײַן ברודער פאַרפאָלגטן — דעם מענטש,
באַװאַך זײ בלויז, גאָט, און דערמוטיק די טריבע,
באַשענק זײ מיט חסד און אַלעמען בענטש.

מײַן תפילה איז אָרעם אין װערטער, אין קלאַנגען,
מײַן תפילה איז װאָכעדיק פּשוט און שטיל,
דאָך גלויב איך אַז זי װעט צו „דיר" דערלאַנגען
פון טיפקײט פון האַרץ מיט איר עכטן געפיל.

דו קערסט זיך אָפּ פון מיר

איך קום צו „דיר" אין שווערע צײַטן,
איך קלייד מײַן צער אין שטילן וואָרט.
צעבליִען זיך די בלומען־בייטן
ווײַס איך אַז „דו" הערסט מיך פאָרט.

איך קום אין שעה ווען עס נעמט טאָגן,
אַ מאָל אין שוואַרצע נעכט גאָר שפּעט,
ווען כ'קען שוין מער מײַן ווײ ניט טראָגן
קום איך צו דיר מיט מײַן געבעט.

און ס'ברענגט דײַן ווינטל מיר אַ צייכן
וואָס צאַרט באַרירט עס מײַן געזיכט,
דײַן ווונק עס איז מיר אין די הייכן
דאָס טריפנדיקע שטערן־ליכט.

אַ מאָל צעוואָיעט זיך אין האָרן
אַ בייזער ניט געשטילטער ווינט,
און מײַן געמיט דערשרעקט דײַן צאָרן,
און שטערן ווערן פּלוצעם בלינד.

נאָר ווייל צו „דיר" כ'ווענד זיך אויף וועגן
בלויז דאַן ווען ס'וואַקלט שוין מײַן טראָט,
דו קומסט מיר ניט אַרויס אַנטקעגן,
דו קערסט זיך אָפּ פון מיר מיט שפּאָט.

מײַן הויז

מײַן הויז איז געבויט ניט פון צעמענט און ציגל
נאָר פון דינע, שוואַכע, פּשוטע ברעטער,
די טיר איז צעפּראַלט, אָן אַ שלאָס אָן אַ ריגל,
אַ הויז אויף דערווײַל, ניט אויף שפּעטער.

כ׳האָב היימען געבויט אין לענדער, אין ערטער
דורך וועלכע געוואָגלט דורך יאָרן, געטריבן
פון גורל פון מײַנעם, מײַן הערשער באַשערטער —
איז בלויז אין זכרון אַ שפּור פון די היימען געבליבן.

איך ווייס ניט ווי ווײַט ס׳איז דער סוף פון די וועגן,
און ווי לאַנג כ׳וועל נאָך בויען, צעשטערן, —
מיין גורל איז טויב און איך קען אים ניט פרעגן
ער איז מיד און ער ענטפערט ניט גערן.

אַ בוים ביַי מײַן פענצטער

עס שטייט ביַי מײַן פענצטער אַ בוים, אַן אַלטער,
מיט מעכטיקע צווײַגן, אויך מיט דינענקע, צאַרטע,
אַ מאָל זיך צעהוידעט, צעברומט און ס׳צעשאַלט ער,
אַ מאָל זיך צעשפּילט ער ווי קינדער פאַרשאַרטע.

אין פינצטערע נעכט, אין אַ שטורעם־געוויטער,
די דינענקע צווײַגלעך קלאַפּן אין פענצטער,
מיך וועקן ניט דרייסט, מיט שרעק און מיט ציטער, —
די גרויסע זיי קרעכצן אַרײַן ווי געשפּענסטער.

אין אַ פרימאָרגן, אַ זוניק־צעהעלטן
צעזינגט זיך דער בוים אין אַ הייליקער תּפילה,
פאַרגאַפט הער איך צו זיך צום זינגער פאַרשטעלטן,
זאַפ אײַן זײַנע טענער געמיטלעכע, שטילע...

אין ווינטער אַ טרויער אויף אים איז צו קוקן,
מיט נאַקעטע צווײַגן ער שטייט אַ באַפליקטער,
און ציטערט פון קעלט — אַ שטאַרקער און טרוקן,
אַ זקן פאַרלאָזטער, פון נויט אַ צעדריקטער.

דער בוים ביַי מײַן פענצטער האָט אויך אַ נשמה,
האָט ציַיט פון יסורים, פון בלי און פון פריידן,
אָפּט ווי דער מענטש פול האַס און נקמה,
אָפּט ווי דער מענטש — גוט און באַשיידן.

כ׳בין בלויז אַ טרוימער

איך בין ניט פון גערעכטיקייט דער שומר,
בלויז ווי אַן אַלטער און ניט אויסגעהיילטער טרוימער
איך טרוים פון מענטש, און פון יענע צײַטן
ווען כ׳וועל אים זען פון חיה־שפּורן אַ באַפרײַטן.

כ׳בין ניט קיין טרעגערין פון הייליקע געבאָטן,
נאָר כ׳טרויער ווען איך זע די הייליקייט צעטראָטן,
און דאָס וואָס האָט אַ ווערט געהאַט און האָט דערהויבן
פאַרשעמט איז, אויסגעוואַלגערט אין די שטויבן.

איך בין ניט קיין שטראָפערין פון דעם פאַרעטער,
נאָר כ׳האָס אָ־די וואָס דינען פרעמדע געטער,
און זייער שטאָם און גאָט פון יונגסטע יאָרן
מיט גוואַלד אַרויסגעשליידערט פון זיכרון!

כ׳וואָלט וועלן זינגען ניט קיין טרויעריקע לידער,
נאָר דער אָנדענק פון די שוועסטער, ברידער
אומגעבראַכטע מיט אַכזריות אין פּײַן, אין פלאַמען,
ביז ווייטיק שאָטנט זיך אַרײַן אין מײַנע גראַמען.

איך רוף ניט צו נקמה, נאָר די שטימען הערן
פון די עדות וויל איך, פון זייער פאַרוואורף שווערן
דער וועלט דער לײַטישער, דעם מענטשלעכן געוויסן,
וואָס פון דעם בייז האָט זיך געמאַכט ניט וויסן.

איך בין ניט קיין פּרעדיקערין פון נקמה פון גערעכטער,
כ׳בין בלויז אַ שומר פון גערעכטיקייט פאַרשוועכטער,
גערעכטיקייט וואָס כ׳הער ניט אויף באַגערן,
און כ׳וויל פון גאָט דערהערט עס זאָל מײַן תפילה ווערן
אַז פאַר דעם בלוט פאַרגאָסענעם עס זאָלן
ביז צענטן דור די מערדער מוזן צאָלן!

כ׳האָב פֿאַרלאָרן אַלע ווערטער

כ׳האָב פֿאַרלאָרן אַלע ווערטער,
כ׳ווייס ניט ווען און כ׳ווייס ניט וווּ.
אין אַ וועלט אָן אויסגעקלערטער
און אין שטילקייט כ׳זוך מײַן רו.

כ׳האָב צעשאָנקען די געפֿילן,
ניט געהערט פֿאַר דעם קיין דאַנק.
איצט אין האַרץ מײַנעם כ׳טו שטילן
יעדע גליסטונג, יעדן דראַנג.

כ׳האָב געקוקט ווי ס׳פֿליִען יאָרן,
מיך ניט געאַרט ס׳האָט זייער פֿלי,
איצט כאָטש פֿון איין טאָג צו שפּאָרן
איך די רגעס זיך באַמי...

און די רגעס אויך, זיי יאָגן,
טראָגן זיך אַוועק, ווי שנעל,
און ווען עס וועט נעמען טאָגן
שטיין וועל איך שוין בײַ דער שוועל,

וואָס נאָך איר ז׳ניטאָ קיין מאָרגן,
וווּ מיר ווערן סוף כּל סוף
פֿון אַנטוישונג פֿרײַ, פֿון זאָרגן,
אויך פֿון בענטשונג און פֿון שטראָף.

און קיין טרייסט איז ניט פֿאַראַנען
אַז נאָך מיר אין גרויען שטויב
עפּעס בלייבט — אַז מיך דערמאַנען
עמעצער זאָל מיט אַ לויב.

ווער זאָגט

ווער זאָגט אַז כ׳בין געוואָרן אַלט,
און די פרייד פון לעבן כ׳האָב פאַרלאָרן,
ווען מיר איז פּשוט נאָר אַ ביסל קאַלט,
אומהיימלעך נאָר פון אַלץ וואָס אָנגעוואָרן.

ווער זאָגט אַז שטיל געוואָרן איז מײַן גאַנג,
אַז ניט מער באַפליגלט איז דאָס שפּאַנען,
כ׳האָב פּשוט מער צו שפּאַנען קיין פאַרלאַנג
ווען פאָרויס קיין ליכט איז ניט פאַראַנען.

ווער זאָגט אַז מײַן זכרון איז געוואָרן שוואַך,
אַז אַפילו פאַרגעס איך טײַערע נעמען, ווערטער,
ווען פאַרלאָרן פּשוט כ׳האָב פון זיי אַ סך
אין פרעמדע, אומבאַקאַנטע ערטער.

מײַן האַרץ איז, אמת, שוואַך, דער דופק פאַלט,
און עס טוט די וועלט מיט מיר זיך וויגן,
איז פיליכט בין איך שוין טאַקע אַלט
און די זאָגערס זאָגן ניט קיין ליגן?...

שטימונגען

אַ טאָג אַ בייז־פאַרוואָלקנטער, אַ גרויער,
אַן האָפנונגען, אָן צוזאָגן, אָן פרייד,
הענגט איבער מיר מיט דריקענדן געהויער,
און זיין שאָטן אַרום מיר זיך שפּרייט.

ער מאַכט מיך מיד. איך פיל די לאַסט פון יאָרן.
שווער דער אומעט פרעסט אויף מײַן געמיט;
שוואַכער פּלוצעם ווערט דער גוף און דער זיכרון,
און פאַרהלשט־מאַטע מײַנע טריט.

דאָס זײַנען געווים סימנים שוין פון עלטער.
כ׳זע שוין פון מײַן וועג דעם גרענעץ־פּאַס,
דער אמת ווינקט צו מיר אַ ניט פאַרשטעלטער,
אָן רחמנות, מיט חוצפּה און מיט שפּאַס.

פון די שטימונגען בין איך אַ קנעכט געוואָרן,
זיי בײַטן יעדע רגע זיך, געשווינד.
איך פיל אַ מאָל אַז כ׳וועך אויף ס׳נײַ געבאָרן,
אַן אַנדער מאָל — אַז מיך דער סוף פאַרשפּינט.

דאָך בעסער איז ווי אייביק זײַן צופרידן
און פון צווייפל ניט האָבן קיין מינוט,
ווייל אָפט נאָך לײַדן, נאָך אַ טאָג אַ מידן,
איז ליכטיקער די פרייד, איז טאָפּל־גוט!

אין אומעט־נאַכט

ס׳האָבן אַלע טרוימען פלוצעם מיך פאַרלאָזן
אין אַ לאַנגער, שטומער, אומעטיקער נאַכט,
און אַ שטימע ווי דער שאָרך פון גראָזן
אין דער שטילקייט כ׳האָב געהערט, מיר דאַכט:

„פון דײַן וועג געבליבן שוין געציילטע מײַלן,
אָפּגעריסן אַלע בריקן אויף צוריק,
צײַט געבליבן ווייניק, מוזסט זיך אײַלן,
ווײַל שוואַך עס איז שוין אויך די לעצטע בריק״.

אומדערוואַרט צו מיר געקומען איז די בשורה
ווען כ׳בין נאָך דעם וועג פאַרענדיקן ניט גרייט,
ניט דערשריבן האָב איך נאָך די לעצטע שורה,
ניט דערשניטן אַלץ וואָס כ׳האָב געזייט,

כ׳האָב צײַט אַ סך פאַרטאַכלעוועט אין בלאָנקען,
פאַרשלאָפן כ׳האָב די שעהן ווען עס גינט,
אומזיסט מײַן האָב און גוטס איך האָב צעשאָנקען, —
אײַלן זיך דעריבער כ׳מוז אַצינד.

„דײַן״ שטימע ווי דעם שאָרך פון גראָזן שטילע
אין שטומער נאַכט דערהערט כ׳האָב אומגעריכט,
שיק איך איצט צו דיר מײַן שעמעוודיקע תפילה:
לעש נאָך ניט אוים פאַר מיר דאָס לעצטע ביסל ליכט.

שפּעטער כ׳וועל אָן ווידערשטאַנד, אָן טרערן,
אָן קלאָגעניש — ווען וועסט מיך טאָן אַ רוף, —
אין אַ רויִקן פאַרנאַכט צי גאָר פאַרטאָג, — דיר גערן
און געהאָרכזאַם אָפּגעבן מײַן נשמה און דעם גוף.

גיב בלויז מיר צײַט צו שנײַדן דאָס פּאַרזייטע,
און פאַרענדיקן אין שורה כ׳זאָל דאָס לעצטע וואָרט;
ווּהין „דו" הייסן וועסט כ׳וועל דיך באַגלייטן,
און אפשר וועל איך ענדלעך מײַן רו געפונען דאָרט?

תמיד אין העלן באַגינען

תמיד, אין שטילן, אין העלן באַגינען,
ווען נאַטור איז אין תפילה, דער מענטש נאָך אין שלאָף,
די ערד אין געבורט, אין פּראָצעס פון צעגרינען,
דאַכט זיך: אַן אָנהויב איז אַלץ, אָן אַ סוף.

יאָ, נאָר אַן אָנהויב און ס׳וויל זיך ניט גלויבן
אַז ס׳איז די בליִונג באַגרענעצט אין צײַט,
אַז מיר אויך צו אורחים בלויז זײַנען דערהויבן,
און טרויער פון שיידונג איז אפשר ניט ווײַט,

אַז ערגעץ שוין לויערט אויף אונדז דאָס באַשערטע,
און מעגלעך דער רוף שוין, אין מיטן געלאָף,
דעריאָגט אונדז מיט קלאַנגען, פון ווײַט ניט דערהערטע,
ווײַל אַלץ וואָס האָט אָנהויב האָט אויך אַ סוף.

ס׳שרעקט ניט דער סוף נאָר די שפּיל פון קאָנטראַסטן
וואָס שפּילט זיך אָן אויפהער אָפּ אין נאַטור,
עס שרעקט די געפאַר פון דעם פלאַץ צוגעפּאַסטן
ניט צו פאַרשווינדן מען זאָל אָן אַ שפור.

אַ שפור מיינט — אַ טאַט וואָס באַשיינט האָט דאָס לעבן,
אַ חלום, אַ וואָרט, אַ געשאַרפטער געדאַנק,
אַ קרבן מיט ליבשאַפט פאַר יענעם געגעבן
וואָס ווערט אויפגענומען מיט פרייד און מיט דאַנק.

אַ שפּור מיינט אַ קינד וואָס דו האָסט אויפגעצויגן
מיט ליבשאַפט און זאָרג צו גאָט און צו לײַט,
אין וועמען דײַן גײַסט, דײַן זשעסט, דײַנע אויגן
ווערן ווידער געבאָרן, אין אַן אָנהויב באַנײַט.

מיר קומען אין שטילקייט, אין שטילקייט פאַרשווינדן.
פאַר אַלץ אין נאַטור איז איין גורל באַשערט.
נאָך איינעם פאַרבלײַבט אַ ליכט אָנגעצונדן,
נאָך צווייטן קיין שפּור ניט פאַרבלײַבט אויף דער ערד.

אין רעגנדיקן טאָג

עס קלאַפּט דער רעגן אין מײַן פֿענצטער,
ווי אַ קינד עס וויינט דער ווינט.
פֿון אַ מאָל זאַמלען געשפּענסטער
אין מײַן פֿענצטער זיך אַצינד.

כאָטש ס׳וויינט דער ווינט און ס׳גיסט דער רעגן
אין זינען איך געלאַסן שפּאַן
אויף אַלע דורכגעמאַכטע וועגן
וווּ ס׳איז אַ שפּור מײַנער פֿאַראַן.

איך האָב שוין ניט צו וואָס זיך אײַלן,
דער וועג איז ווײַט שוין הינטער מיר,
עס זײַנען מיר געציילטע מײַלן
פֿאַרבליבן ביז דער לעצטער טיר.

איז אומעטיק מיר צו באַטראַכטן
אין רעגנטאָג ווען ביסט אַליין,
דײַן וועג ביז סוף שוין דורכגעמאַכטן,
וואָס זאָגט שוין גאָרניט צו דיר, ניין.

דאָס לעבן ליגט צעשפּרייט אויף וועגן,
באַרויבט פֿון יוגנט-טרוים, פֿאַרשעמט,
באַרויבט פֿון גלויבן — מײַן פֿאַרמעגן,
נאַקעט, ניט דערקענט, און פֿרעמד.

איך צייל די פעלערן אין טרויער,
ווי גרוים איז זייער צאָל, אָ גאָט,
דאָס האַרץ פאַרקלעמט ווערט פון באַדויער,
און האָפן שפעט ס׳איז שוין אויף גנאָד!

כ׳האָב געחלומט

כ׳האָב געחלומט: ס׳איז אַ נס געשען,
אַז אומגעקערט זיך ס׳האָט מײַן יוגנט ווידער,
אַז פאַרשוווּנדן, ווי קיין מאָל ניט געווען,
די עלטער איז, די מידקייט פון די גלידער.

אַז מײַן געזיכט איז ווידער פריש און גלאַט,
ניט געקאַרבט, געריגצלט פון די שווערע יאָרן,
דאָס בלוט אין אָדערן מיט לעבנסקראַפט איז זאַט,
און באַנייט מיט יוגנט-פרייד געוואָרן.

כ׳האָב געחלומט: מײַן פּנים איז באַשטראַלט
מיט יוגנט-גלוסט, און טרוימען אין די אויגן,
אַז דראַטיק און געשטרעקט איז מײַן געשטאַלט,
ניט אײַנגעבראָכן, ניט געבויגן.

אַז ניט אויסגעלאָשן ס׳איז דער בליק און מיד,
נאָך לעבעדיק און גלײַך די געפילן,
און האָפענונגען יוירן אין געמיט,
און ברענענדיק עס איז דער לעבנס-ווילן.

כ׳האָב געחלומט... און ווי לאַנג עס איז די נאַכט
האָב איך געוואָלט ס׳זאָל זיך דער חלום וועבן,
נאָר פאַרשטאַנען ווען כ׳האָב מיט אַ קרעכץ דערוואַכט
אַז צוויי מאָל ווערט די יוגנט קיינעם ניט געגעבן.

צוויי בילדער

אַ בילד אין מײַן האַנט וועקט אויף אין זכרון
רגעס באַקאַנטע פון ווײַטן אַמאָל,
איך שטיי פאַרן שפּיגל און צייל מײַנע יאָרן —
דער שפּיגל ער ווייסט זייער אמתן צאָל.

עס קוקן פון בילד צוויי פאַרחלומטע אויגן,
ערנסטע, טיפע, פול מיט גלויבן דער בליק,
דער קערפּער אין בלי ווי צום פלי אויסגעבויגן,
אַ פלי אין די הייכן צו שיינקייט און גליק.

טרוימען, באַגערן, צאַרטע פאַרלאַנגען,
קינדישער אומשולד, רײַפער פאַרשטאַנד,
מײַן גליקלעכע יוגנט איז מיר אויפגעגאַנגען
פון אָט דעם בילד וואָס איך האַלט אין דער האַנט.

ווי אַנדערש ז׳דאָס בילד אַנטקעגן אין שפּיגל,
ניכטערע אויגן, פאַרמאַטערטער גוף,
די טרוימען זיי ליגן מיט צעבראָכענע פליגל —
אין לעבן געקענט ניט איין ביטערן פּרוּוו.

איין בילד אין דער האַנט, אין שפּיגל דאָס צווייטע.
ווי אַנדערש, פאַרשידן, עס גלויבט זיך מיר קוים,
אַז פאַרמאַגט האָב איך פליגל, מעכטיק־צעשפּרייטע
און געהאַפט כ׳האָב אין פלי צו דערגרייכן דעם רוים!

ס׳איז ניט צו שפּעט

יידיש וואָרט וואָס מ׳האָט פון לעבעדיקן דרויסן
פאַרשטעקט דיך אין אַ זײַטיק שטומען ווינקל;
פאַרשעמט און ניט געשווינט פאַרלאָזן און פאַרשטויסן
טוסטו דאָך מיר פון דער פינצטערניש אַ פינקל.

קלאַנגען היימישע פון פרייד אין יידיש,
פון צער, פון קרעכץ, צעכוואַליעטן געלעכטער,
איך שלינג זיי מיט באַוווּנדערונג און חידוש,
די בלענדיקע, די טרויעריקע ווערטער.

איך טוליע זיך צו זיי מיט ליבע און מיט בענקשאַפט,
און כ׳פרעג זיך אָפט מיט ביטערניש און בושה:
„ווי קומט פאַרשווונדן זאָל פון יידישער געדענקשאַפט
דער זיסער קלאַנג, די פּרעכטיקע ירושה?”

קלאַנג פון פאָלק געפורעמט און פון מײַסטער-זינגער,
וואָס האָט אַ מאָל אין פרעמדן ליאַרעם און געפילדער,
ווי דער באַריר פון צאַרטע מוטער-פינגער
דעם פּײַן געמאַכט דערטרעגלעכער און מילדער.

דאָס פאָלק האָט אָפּגעהיט זײַן שפּראַך ווי אַ פאַרמעגן,
ווײַל געבונדן האָט זי פיר צעטיילטע עקן,
שטאַמען יידישע געאייניקט אויף די וועגן
און ניט אויפגעהערט צו שטורעמען און וועקן.

צי דען איז אָפּגעטאָן איר חן געוואָרן,
און אין אַ זײַטיק ווינקעלע אַרײַנגעקליבן
דערמאָנט זי זיך די גלאַנץ און אומפּעט־יאָרן,
און בלויז פון איינציקע איז זי באַגערט געבליבן?

עס פרעדיקן דאָ נאָך אײַנגעשפּאַרטע טרוימער,
יידן פשוטע און שרײַבער, דיכטער,
און אַן אַלטער ניט אויסגעהיילטער טרוימער:
„ס'איז ניט צו שפּעט” און אויפן לשון ניט פאַרציכט ער.

זאָל זײַן געבענטשט דער ייד דער אײַנגעשפּאַרטער,
וואָס פאַרליבט ער צערטלט נאָך דאָס לשון,
קוקט אויף דעם ווי אויף אַן איינציקער, געגאַרטער,
און ס'איז זיין האָפענונג נאָך אַלץ ניט אויסגעלאָשן!

דאָס יידישע וואָרט

כ׳האָב ערגעץ אויף קרומע, געשלענגלטע שליאַכן
כוחות צעזייט, פאַרטאַכלעוועט יאָרן,
און צווישן פרעמדע פעלקער און שפּראַכן
מײַן יידיש וואָרט אין דעם טומל פאַרלאָרן.

אין פרעמדן אַרום, צווישן „שפּראַכן־יחסנים"
איז געלעגן דאָס וואָרט פאַרשעמט, אין צעשמעטער
מיט אײַנגעפאַלענעם, יידישן פּנים
ווען איך האָב געבוקט זיך צו אַנדערע געטער.

נאָר פּלוצעם, נאָך פיל צעשלײַדערטע יאָרן,
איז דאָס וואָרט צו מיר ווידער דערגאַנגען,
דערוואַכט מיט געלײַטערטן קלאַנג אין זיכרון,
מיט שיינקייט באַנייטער אויף ס׳נײַ מיך געפאַנגען.

פאַרחידושט, פאַרגאַפט כ׳האָב די קלאַנגען געשלונגען
און גרינגער געוואָרן ז׳דער יאָך פון די יאָרן,
און דורך אַ נס פון דעם וואָרט דורכגעדרונגען
אַ זינגערין בין איך אַליין אויך געוואָרן.

יידישע ווערטער מיט סאַמעט באַהאַנגען,
ליכטיקע שורות געפאָרטע צוזאַמען,
היימישע, נאָענטע, יידישע קלאַנגען
זיי ברענגען צוריק מיר די שפּראַך פון מײַן מאַמען!

פאַרשוווּנדענער שטערן

צווישן זיבן גרויסע שטערן
אויף דעם בלויען הימל־וועג,
זוך איך איינעם, כ׳זוך מיט טרערן,
יענעם פון די יוגנט־טעג.
ווען נאָך יונג און פול מיט גלויבן
איך געשפּונען האָב מײַן טרוים,
און די וועלט דורך וווּנדער־שויבן
כ׳האָב באַטראַכט ביז ווײַטסטן זוים,
האָט דער שטערן מיט זײַן שימער
מיך באַגלייט אין וווּנדער־לאַנד
וואָס געזען כ׳האָב אין מײַן צימער
אין פאַרחלומטקייט געשפּאַנט.

נאָר פאַרפּלייצט מיט בלוט און פײַער
ס׳איז געוואָרן אונדזער ערד,
וואָס דעם מענטשנשטאָם איז טײַער
ווו עס איז אים פּײַן באַשערט.

און אַ נעפּל אַ געדיכטער
האָט געלייגט זיך אויף דער וועלט,
און עס האָט די הימל־ליכטער
חושך מיט אַ מאָל פאַרשטעלט.

זוך איך אים מײַן וווּנדערשטערן,
יענעם פון די יוגנט־טעג;
פון מיין טרוים, מיינע באַגערן,
ער באַלײַכטן זאָל מיין וועג.

גאָלדע

אין אונדזער טרויעריק-פינצטערן יאָר הונדערט
איז זי געווען אַ שײַנענדיקער שטערן;
פון פרײַנד געליבט, פון אומפרײַנד אויך באַוווּנדערט,
האָט זי קיין מאָל ניט אויפגעהערט צו ווערן.

פאַר מענטשן-רעכט אין שליחות און פאַר פרידן,
דעם פרײַהײַט-חלום אײַנגעשפּאַרט געשפּינען,
צווישן מעכטיקע יחסנים אויף די וועלט-יאַרידן
דעם פאָלק געטאָן מסירת נפשדיק ז׳האָט דינען.

אויף אייגענער און סיי אויף פרעמדער בימה
געווען איר וואָרט האַרטנעקיק איז, פאַרביסן,
פיל חכמה און פיל כח אין איר שטימע
האָט זי געוועקט דעם מענטשלעכן געוויסן.

מיט אַ ברכה פלעגט די זין באַגלייטן זי אין שלאַכטן,
און ווי אַ מאַמע די געקומענע צוריק אַרויסלויפן אַנטקעגן.
און פון איין זאַך פלעגט זאָרגנדיק זי טראַכטן
אַז נעמען זאָל אַ סוף צו איבערפאַלן און געשלעגן.

די גרויסע מאַמע. ווער זאָגט זי איז פאַרשוווּנדן?
און דאָך פאַריתום׳ט זענען מיר געוואָרן.
נאָר דאָס ליכט פון חכמה, שטאָלץ וואָס זי האָט אָנגעצונדן
וועט שײַנען אייביק אין דעם פאָלקס זכרון.

אינהאַלט:

מיין זון

9 מוטער־סאַלוט צו איר זון
11 צו מיין קינד
12 זוך ניט קיין שיינקייט
13 אויפן פליפעלד
15 צו די שמוץ־פאַרשפרייטער
17 אין דער שטילקייט פון פאַרנאַכטן
18 ווי באַדאַנקען דיר
20 דער כח פון סיגאַלס שמייכל
21 אַ קוואַל פון זיסער פרייד
23 מיין אייניקלס ווונטש

ישראל

27 צום טויט פון יצחק בן־צבי
29 איך בין געקומען פון געטאָס
33 דער כותל
34 אין דער היים
36 די באַשיצער פון לאַנד
37 ישראל׳ס אָדלער
38 ווען איך הער דעם העליקאָפּטער־רויש
39 אין טאָג פון דערמאַנונג

חורבן

43 מיר זיינען די עדות
45 ביים געטאָ־דענקמאל
47 אויף די חורבות פון וואַרשע
49 פיר בילדער
53 די דריי ניט דערשלאָגענע ווענט
56 איך זע זיי שפּאַנען
58 איך זע
60 דער ווייטער אַמאָל
62 כ׳האָב ליב די לויטערע פאַרנאַכטן
64 כ׳האָב געקוקט דעם טויט אין די אויגן
65 מיר, די פאַרפייניקטע
66 מען האָט ניט געאַנט
68 מיין קינדס הענטלעך
70 איבער פרעמדע גרענעצן
72 כ׳וואָלט געוואָלט אַמאָל דערוואַכן

גערדאַנקען

75 דו קוקסט אַרויף
76 וואָרט און בשורה
78 אין שפעטע ביינאַכטן
80 דער כוח פון וואָרט
82 אין שטילקייט ווערט אַ ליד געבאָרן
83 אַלץ איז אין צווייען
85 צייט און מענטש
87 פרייד און טרויער
88 איך בענק נאָך אַ וואָרט
89 איך וואָג
90 אויב לעבן מיינט
92 כ׳האָב פרייד געזוכט
94 איך זוך די טעג
95 כ׳וויל זיך ניט הערן
96 דער כוח פון געדענקשאַפט
98 פאַראייביקטע מינוט

ליריק

103 דער כישוף פון געפיל
105 וונדער מען זוכט
107 דערוואַכטע נאַטור
108 די זון האָט די וואָלקנס
109 עס שרעקט מיך ניט ?
110 מיין תפילה איז וואָכעדיק פשוט
111 דו קערסט זיך אָפּ פון מיר
112 מיין הויז
113 אַ בוים ביי מיין פענצטער
114 כ׳בין בלויז אַ טרוימער
116 כ׳האָב פאַרלאָרן אַלע ווערטער
118 ווער זאָגט
119 שטימונגען
120 אין אומעט־נאַכט
122 תמיד אין העלן באַגינען
124 אין רעגנדיקן טאָג
126 כ׳האָב געגלויבט
127 צוויי בילדער
128 ס׳איז ניט צו שפעט
130 דאָס יידישע וואָרט
131 פאַרשוווּנדענער שטערן
132 גאָלדע